YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv07i11

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 7 Issue 11
March 1925

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 7, Iss. 11)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/374

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 11. New York, Friday, March 13, 1925 פרייטאג, 13טען מארטש, 1925. PRICE 3 CENTS

גאנצער דרעס טרייד ווערט מאמענטאן אפגעשטעלט

דזשאבערס זיינען ניט נאכגעקומען דעם פונקט אין אגרימענט וועגען די פרייז־סקעדזשולס. — וואונדערבארע האלטונג פון די דרעססמאכער. — א מערקווירדיגער שאפ־טשערמאן מיטינג דינסטאג ביטאג, אדרעסירט פון פרעז. זיגמאן און וויס־פרעזידענט פיינבערג. — מיטוואך ווערט אפגעהאלטען א קאנפערענץ צווישען די יוניאן, די דזשאבערס און די קאנטראקטארס.

אין דעם דרעס טרייד פון ניו יארק איז דעם דינסטאג פארגעקומען א מערקווירדיגע פאסירונג! א פאסירונג, וואס האט אויף א גראנדיעזען אופן דעמאנסטרירט די מאכט פון אייניגקייט ביי די ניו יארקער דרעססמאכער. אויף דעם באפעהל פון דער יוניאן, וואס איז געשיקט געווארען אין די שעפער דורך א טעלעגראמע, אונטערגעשריבען „י. פיינבערג, גענעראל מענעדזשער", האבען אלע דרעסמאכער געסטאפט פון דער ארבייט! און אין דער זעלבער צייט פארבליבען זיצען אין די שעפער, ווי זיי זיינען געארדערט געווארען אין טעלעגראמע. „סטאפט פון דער ארבייט" — איז אין די טעלעגראמע געזאגט געווארען, — „אבער בלייבט אין די שעפער ביז איהר וועט באקומען ווייטערע אינסטראקשאנס. בלויז די שאפ טשערליים זאלען גלייך קומען אין וועבסטער האל צו א מיטינג".

און דער ארדער פון דער יוניאן איז פינקטליך אויסגעפאלגט געווארען. די דרעססמאכער האבען געטאן ווי די יוניאן האט זיי געהייסען. די טשערליים זיינען אוועק אין וועבסטער האל און די ארבייטער אין די שעפער זיינען געבליבען זיצען מיט פארלעגטע הענט, ווארטענדיג אויף א צווייטען ארדער פון דער יוניאן.

ווי באקאנט, האבען די דזשאבערס נאך לאנגע פארהאנדלונגען אונטערגעשריבען אגרימענטס מיט אונזער אינטערנעשאנאל און מיט'ן דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעססמאכער יוניאן, און אויך מיט די קאנטראקטארס, אין וועלכע זיי האבען גאראנטירט די ארבייטס קאסטען אויף די גארמענטס וואס זיי ארדערן. זיי האבען אויך צוגעשטימט צו די פרייז־סקעדזשולס", וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען אויף די פארשיידענע ארבייטען אין דרעס טרייד. ווען עס איז אבער געקומען צו געבען ארדערס לויט די נייע פרייזען, האבען זיך די דזשאבערס אנגעהויבען צו בונטעווען און האבען געפראווט אלערליי שטיק ניט צו פאלגען די אגרימענטס, וואס זיי האבען געשלאסען. זיי האבען ניט געוואלט געבען קיין ארדערס צו קאנטראקטארס, וועלכע זיינען באשטאנען אויף די נייע ארבייטס פרייזען, און האבען סאבאטאזשעוועט געגען

(שלוס אויף זייט 7.)

לאקאל 20 ערקלערט אין סטרייק א ריינקאוט דזשאבער

די ריינקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20, האט דערקלערט אין סטרייק די דזשאבינג פירמע דזשאשייע ראזענטאל, פון 58 איסט 13טע סטריט. די יוניאן האט מיט דער פירמע אן אגרימענט, אז זי זאל שיקען די ארבייט אין יוניאן שעפער, צו יוניאן קאנטראקטארס. אבער לעצטענס האט די פירמע אנגעהויבען מאכען קונקעלמונקעל ביזנעס, ארויסשיקען די ארבייט אין ניט יוניאן שעפער, און לאקאל 20 איז געווען געצוואונגען צו דערקלערען די פירמע אין סטרייק.

ווי ברודער וויינגארט, דער סעקרעטער פון לאקאל 20, גיט אונז איבער, איז דערביי אויך פאראן א שטיקעל טראבעל מיט דער אמאלגאמייטער. דער טראבעל באשטעהט אין דעם וואס די פירמע זוכט ארויסצושיקען ארבייט אין אמאלגאמייטעד שעפער. לאקאל 20 האט געלאזט וויסען די בעאמטע פון דער אמאלגאמייטעד, אז די באטרעפענדע פירמע איז אין סטרייק, און דאס אויפמאכען דער פירמע'ס ארבייט מיינט פשוט סקעבען געגען לאקאל 20. אבער — זאגט ער — די פיהרער פון דער אמאלגאמייטעד האבען זיך ניט אפגערופען אזוי ברידערליך ווי מען האט דאס געקענט ערווארטען.

מיר האפען, דאס אויב עס איז ווירקליך אזוי, וועלען די פיהרער פון דער אמאלגאמייטעד גוט מאכען דעם פעהלער, און אנשטאט שטערן, ליבערשט העלפען אונזער לאקאל 20 אין קאמף מיט דער באטרעפענדער פירמע.

דזשאינט באארד עפענט צוריק דעם דיוס דעפארטמענט

שאפ־טשערלייט און מיטגלידער וועלען ווידער קאנען צאהלען דיוס אין דזשאינט באארד בילדינג, 25טע סט. און לעקסינגטאן עוועניו.

דער דזשוינט באארד פון דער קלאוק און דרעססמאכער יוניאן האט באשלאסען צוריק צו עפענען דעם דיוס־דעפארטמענט, אין דער דזשוינט באארד בילדינג, וועלכער איז מיט א קורצע צייט צוריק פארמאכט געווארען.

דער דיוס־דעפארטמענט אין דער דזש. באארד בילדינג איז פארמאכט געווארען, ווי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" געדענקען אודאי, כדי צו שפארען געלד. דער חשבון איז געווען, דאס וויבאלד יעדער לאקאל, וואס איז אנגעשלאסען אן דער קערפערשאפט, האט במילא דיוס־קלוירקס, וואס פארקויפען די דיוס־סטעמפס צו די מיטגלידער, טו צו וואס זאל דער דזשוינט באארד אויפהאלטען א באזונדער דיוס־דעפארטמענט? זאל יעדער מיטגליד צאהלען די דיוס אין זיין לאקאל און פארטיג.

דאס האט זיך אבער ארויסגעוויזען פאר ניט פראקטיש. אין דיוס־דעפארט־

(שלוס אויף זייט 7.)

אונטערהאלטונג פון סטודענטען און לעהרער

שבת אווענט, דעם 28טען מארטש, וועט פארקומען א שעהנע אונטערהאלטונג פון די געוועזענע און איצטיגע סטודענטען און לערער פון די אינטערנעשאנאל קלאסען און קורסען. עס וועלען זיין רעפרעשמענטס, זינגען, טאנצען און געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונג.

א טיקעט קאסט 35 סענט. דאס וועט דעקען בלויז א טייל פון די אויסגאבען. די טיקעטס קאן מען באקומען אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

אונזערע יוניאנס פאנגען אן בויען די ערשטע קאאפעראטיווע אפארטמענט הויז אין ניו יארק

די הויז ווערט געבויט אין די בראנקס. — וועט זיין א פאלאץ פאר ארבייטער־פאמיליעס. — 100 אפליקאנטען פאר פלעטס האבען זיך שוין געמעלדעט. — אינטערנעשאנאל יוניאן באנק פינאנסירט די אונטערנעמונג.

דער פלאן צו בויען קאאפעראטיווע אפארטמענט־הייזער מיט אלע מאדערנע אימפראוועמענטס און אלע מעגליכע באקוועמליכקייטען, און דער רענט פאר רום זאל זיין ניט טייער, איז פאלשטענדיג אויסגעארבייט, און מען וועט גלייך צוטרעטען צו דער ארבייט אנצופאנגען בויען די ערשטע הויז, וואס [illegible] א סקווער בלאק און וועט האבען א שעהנעם גארטען און א „פליי גראונד" פאר קינדער פון די פאמיליעס וואס וועלען באוואוינען דאס הויז. הינטער דער אונטערנעהמונג שטעהט אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן און די אנדערע יוניאנס וואס זיינען פארבונדען מיט דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק: די פאר ווארקערס אינטערנעשאנאל, די קעפ און מילינערי ווארקערס יוניאן, די לעדער גודס ווארקערס יוניאן און די אינטערנעשאנאל יוניאן־באנק.

דער פלאט פאר דער הויז איז שוין געקויפט. דאס איז א סקווער בלאק אין די בראנקס, אויף דער וועסט סייד, אין 159טע סטריט און מאט עוועניו. דער ארכיטעקט האט שוין אויך פארטיק דעם פלאן און מען וועט זיך באלד קאנען נעהמען צו דער ארבייט, צו בויען די הויז. ארום דעם פלאץ זיינען דא סאבוויי און „על" סטיישאנס און ס'איז לייכט אהין צו קומען.

א חוץ דעם וואס דאס הויז וועט הא־

(שלוס אויף זייט 4.)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 11.

זייט 2. מיטינג פון דזשאינט באארד קלאוק און דרעססמאכער יוניאן — דזשאזעף פיש.
זייט 3. דריי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 22 — דזשוליוס פארטנאי.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. שלוסען פון זייט 1.
זייט 5. די איצטיגע לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע — ל. הײמאן.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.
זייט 7. טעמיר־אקסאק־כאן (ערצעהלונג) — איוואן בונין. שלוסען פון זייט 1.
זייט 8. עדיטאריעלע נאטיצען.
זייט 9. וואס פאר א סארט מענש איז גאמפערס געווען? — בענדזשאמין שטאלבערג.
זייט 10. דער פאשיזם האט נאך וואפען, ער האט אבער פארלארען די נשמות — אנדזשעליקא באלאבאנאווא. קורץ און שארף — י. ב. ז. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 11. וועגען העלדען — על עם. דאס ליד פון ראבושען — נפתלי גראס.
זייט 12. פון אנדערע צייטונגען — ל. פינקעלשטיין. אן עזעל וואס רעוועט (פעליעטאן) — ז. וואהלער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. פארשיידענעס.
זייט 15. ארדווערטייזמענטס. נייעס וועגען דער אמאלגאמייטער.
זייט 16. גענעראל סטרייק פון ווייט גודס ארבייטער און קינדערקלידער דרעססמאכער געגערייט. שלוסען פון זייט 1.

וואלען פאר באאמטע פון דרעס דיוויזשאן פון דזשוינט באארד קומענדען דינסטאג

לאקאל 89 געווינט דעם אפיעל און דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד הייסט מאכען די וואהלען. — מען וועט שטימען דורך א באלאט אין 7 פולינג פלעצער.

קומענדען דינסטאג, דעם 17טען מערץ, וועלען פארקומען די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס פון דעם דרעס דיוויזשאן פון דער קלאוק און דרעססמאכער יוניאן. מען וועט קאנען שטימען פון אין דער פריה ביז פארנאכט אין די פאלגענדע פלעצער:

אין דזשאינט באארד בילדינג, 130 איסט 25טע סטריט, קארנער לעקסינגטאן עוועניו; אין דאון טאון אפיס פון דזשאינט באארד; אין אפיס פון לאקאל 22, 16 וועסט 21טע סטריט; אין ברייענט האל, 6טע עוועניו, צווישען 41טע און 42טע סטריטס; אין הארלעם אפיס פון דזשאינט באארד; אין דעם ברוקלין אפיס פון דזשאינט באארד און דעם בראנזוויל אפיס פון דזשאינט באארד, אין דעם בראנזוויל לייבאר לייסעאום.

אין די וואהלען קאנען זיך באטייליגען די מיטגלידער פון לאקאל 22; די מיטגלידער פון לאקאל 89; די דרעס־פרעסער פון לאקאל 35 און די דרעס־קאטערס פון לאקאל 10.

וועגען אט די וואהלען איז פארגעקומען א גאנצער סכסוך.

אין דער צייט ווען עס זיינען פאר־

(שלוס אויף זייט 14.)

אינטערנעשאנאל ארדערט וואהלען פאר סעקרעטער־מענעדזשער פון לאקאל 2

א דזשענעראל מעמבער מיטינג דעם שבת.

די וואך האט פרעזידענט זיגמאן צוגעשיקט א צושריפט צום עקזעקוטיוו באארד פון דער קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2, עס זאל געמאכט ווערען וואהלען פאר א סעקרעטער מענעדזשער פון דעם לאקאל.

דער צושריפט לעזט זיך ווי פאלגט:

„דעם 30טען דעצעמבער, 1924, האבען מיר געשיקט א צושריפט צו אייער לאקאל, דאס לויט'ן באשלוס פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד, איז געקומען די צייט צו מאכען וואהלען פאר אן עקזעקוטיוו באארד. אין יענעם צושריפט האבען מיר פארגעשלאגען, דאס די וואהלען פאר א סעקרעטער־מענעדזשער זאל אפגעלייגט ווערען פאר שפעטער. מיר האבען עס געטאן, ווייל א

(שלוס אויף זייט 16.)

דער סאניטארי לייבעל דארף זיך געפינען אויף יעדען יוניאן מייד גארמענט

(שלוס פון זייט 1.)

צופאסען, אז אלע רולס און רעגולייזשאנס באצוג דעם געברויך פון דעם „סאניטארי לייבעל" זאלען ווערען שטרענג אפגעהיט אין אייער שאפ און צו באריכטען וועגען דעם אין אפיס פון דער יוניאן יעדע וואך.

דער „סאניטארי לייבעל" איז דער איינציגער ווירקזאמער מיטעל אום אפצושאפען די קארפארייזשאן און סוועט שעפער, וועלכע אונטערגראבען דעם צושטאנד פון אונזער אינדוסטרי, און נאר דורך איינפיהרען דעם אלגעמיינעם געברויך פון דיזען לייבעל וועט דער וואהלזיין פון אלע ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע ווערען פארזיכערט.

עס איז דארום די פליכט פון יעדען ארבייטער אין שאפ, און איבערהויפט איז עס אייער פליכט אויפצופאסען:

1. אז יעדער גארמענט, וועלכער ווערט געמאכט אין אייער שאפ, זאל האבען דעם „סאניטארי לייבעל".

2. זיך ענטזאגען צו מאכען וועלכען עס איז גארמענט אהן א לייבעל.

3. אז אלע גארמענטס, וועלכע ווערען געמאכט אין אויטסייד שעפער, זאלען האבען דעם „סאניטארי לייבעל".

4. אז דער „סאניטארי לייבעל" זאל ניט ווערען אנגענעהט אויף גארמענטס, וועלכע זיינען געמאכט געווארען אהן דעם לייבעל אין אויטסייד שעפער, און

5. צו באריכטען אין אפיס פון דער יוניאן יעדען פאל, ווען אירגענד וועלכער פון די אויבענדערמאנטע רולס ווערט פארלעצט.

עס איז אויך אייער פליכט צו ברייגנען צו דער גריוועגס קאמיטע יעדען ארבייטער פון אייער שאפ, וועלכער פארלעצט אבזיכטליך אירגענד וועלכען פון די דערמאנטע רולס. אין פאלס איהר וועט דאס ניט טאן, וועט עס באטראכט ווערען אלס פארנאכלעסיגונג פון אייער פליכט אלס שאפ פארטרעטער, און איהר וועט ווערען אנגעקלאגט פאר דעם צו דער גריוועגס קאמיטע.

איהר זייט דארום אויפגעפאדערט צו נעהמען דעם צושריפט אין אנבאטראכט, און ארייגצושיקען אין אפיס פון דעם דזשאינט באארד רעגעלמעסיג אייער וועכענטליכען באריכט.

מיט ברודערליכען גרוס,
טשארלס דזשייקאבסאן,
מענעדזשער פון לייבעל און
אינשורענס דעפארטמענט.

צוזאמען מיט דעם בריעף האבען די לאקאל קאסטאדיענס באקומען א צעטעל מיט די פאלגענדע רולס:

פליכטען פון דעם לייבעל-קאסטאדיען

דער לייבעל קאסטאדיען מוז אויפפאסען אויף די פאלגענדע רולס:

יעדער קאוט, קייפ, סקוירט אדער דרעס, וועלכע ווערט געמאכט אין אייער שאפ, מוז האבען דעם „סאניטארי לייבעל".

דער לייבעל זאל ווערען אנגענעהט אויף יעדען גארמענט אין דעם פלאץ, וועלכער איז באשטימט געווארען פון דער לייבעל קאמיטע פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל.

אלע גארמענטס, וועלכע ווערען געמאכט אין אויטסייד שעפער מוזען האבען דעם סאניטארי לייבעל.

דער סאניטארי לייבעל זאל ניט ווערען אנגענעהט אויף גארמענטס, וועלכע ווערען דעליווערט פון אויטסייד שעפער.

דער לייבעל קאסטאדיען מוז באריכטען אין אפיס פון דער יוניאן יעדע וואך וועגען דער צאהל לייבעלס, וואס די פירמע האט אין סטאק ביי דער ענדע פון יעדע וואך, און די צאהל גארמענטס, וואס זיינען געמאכט געווארען אין שאפ אין פארלויף פון יעדע וואך.

דער לייבעל קאסטאדיען מוז מעלדען אין דער יוניאן וועגען יעדען פאל, ווען אירגענד וועלכער פון די אויבענדערמאנטע רולס ווערט פארלעצט.

רולס ווי אזוי דער סאניטארי לייבעל דארף געברויכט ווערען

דער לייבעל מוז ווערען אנגענעהט אויף דעם גארמענט ביי דעם אפערייטאר אין דער צייט ווען ער נעהט דעם גארמענט.

דער לייבעל זאל אנגענעהט ווערען אין די פאלגענדע פלעצער:

אויף קאוטס און קייפס, וועלכע האבען אויטסייד פאקעטס — אין דעם רעכטען פאקעט.

אויף קאוטס און קייפס, וועלכע האבען ניט קיין אויטסייד פאקעטס — אין דעם ליינינג פאקעט.

אויף קאוטס און קייפס, וועלכע האבען ניט קיינע פאקעטס — אויף דער ליינינג אין דער רעכטער זייט, דריי אינטשעס אונטער'ן ארעם.

אויף אונגעליינטע קאוטס — אונטער'ן יאוק.

אויף סקוירטס — אונטער'ן בעלט.

אויף דרעסעס — אויפ'ן העם ביים באדעם (דיזער פלאץ איז א צייטווייליגער און וועט פילייכט שפעטער געענדערט ווערען).

אין יעדען פאל זאל דער לייבעל אנגענעהט ווערען פלאך, אזוי אז עס זאל זיין אנזיכטיג דער דעזיין פון דעם לייבעל. ער מוז אויך ווערען אנגענעהט אזוי, אז עס זאל זיין אונמעגליך אפצורייסען איהם פון דעם גארמענט.

גארמענטס, וועלכע ווערען געמאכט אין אויטסייד אדער קאנטראקטינג שעפער, מוזען האבען דעם לייבעל אנגענעהט אין דעם שאפ, וואו די גארמענטס זיינען געמאכט געווארען. קיין פירמע איז ניט ערלויבט אנצונעהען לייבעלס אויף גארמענטס, וועלכע זיינען געמאכט געווארען אין אן אנדער שאפ.

אן אונטערהאלטונג פאר מיטגלידער פון לאק. 41

די טאקערס, פליטערס און העמסטיטשערס יוניאן, לאקאל 41, האט אראנזשירט אן אונטערהאלטונג פאר די מיטגלידער, וואו זיי וועלען קענען פארברייגען אן אנגענעמען אווענט. דאס וועט פארקומען שבת אווענט, דעם 19. מערץ, אין אוידיטאריום פון דער אינטערנייזשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

דער פראגראם פון אווענט איז: דענסינג, רעפרעשמענטס און געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונג. עס וועט אויך געהאלטען ווערען א קורצע רעדע פון א פארשטעהער פון אונזער אינטערנייזשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. —

איינטריט איז פריי. מען דארף אבער האבען א טיקעט אריינצוגעהן. זאלען די מיטגלידער פון דעם לאקאל אריינגעהן אין דער יוניאן און זיי וועלען באקומען די נויטיגע טיקעטס וואס זיי דארפען. עס וועט געווים זיין א גאנץ אינטערעסאנטער און אנגענעמער אווענט.

דאס לעבען פון א פראגרעסיווער יוניאן וואס האט געמאכט געשיכטע אין דער ארבייטער באוועגונג

(שלוס פון זייט 9.)

צוזאמענגעטראפען מיט דער קליידער אינדוסטריע, אלס לאיער פאר די מאנופעקטשורערס אין באסטאן, אין צייט פון א סטרייק אין יאהר 1907, און ער האט געשאפען דעם באזיס פאר א סעטעלמענט פון דעם גרויסען סטרייק אין ניו יארק, אין 1910, און איז שליסליך געווארען דער טשערמאן פון דעם באארד אוו ארביטריישאן, וועלכער האט אויפגעהאלטען דאס גלייכגעוויכט צווישען די צוויי צדדים וואס האבען אנגענומען דעם פראטאקאל. ער האט געהאלטען דעם פאסטען ארום 5—6 יאהר. דזשאדזש דזשוליען וו. מעק האט איבערגענומען זיין פלאץ, ווען בראנדייס איז אפוינטעד געווארען סופרים-קאורט ריכטער, אין יאהר 1916, אבער זיין פערזענליכער איינפלוס וואס ער האט ארויפגעשטעמפעלט אויף דער אינדוסטריע איז פארבליבען.

דער „פראטאקאליזם" האט נאכדעם צוזאמענגעבראכען. זיין מאשינערי איז געווען צו שוואך אויסצושטעהן די אלע שוועריגקייטען וואס מען האט אויף איהם אנגעווארפען. „עס זיינען ניט געמאכט געווארען גענוג אנשטריינגונגען" — זאגט דר. לעווין — „צו לאזען אן עפענונג, עס זאל קאנען זיך ארויסרייסען די אנגעזאמעלטע אומפארמיידליכע אומצופרידענקייט, וואס מוז זיך אנקלייבען אונטער אירגענד וועלכען אינדוסטריעלען אפמאך". אבער דער פראטאקאל האט געשפילט זיין ראליע אין דער דראמא וואס האט זיך געשאפען, ביים ענטשטעהן פון א קאנסטיטוציאנעלער רעגירונג אין דער אינדוסטריע. „כאטש דער פראטאקאל האט ניט ערפילט די פארשפרעכונגען וואס ער האט געבראכט מיט זיך, איז ער אבער געווען א גרויסער פאקטאר אין דער געשיכטע פון דער אינטערנייזשאנאל. ער האט געהאלפען אויפקלייגען דעם פונדאמענט פאר קאלעקטיוו בארגיינינג אין די הויפטסענטערס פון דער אינדוסטריע. אונטער זיינע פארשריפטען האט די גרויסע מאסע ארבייטער געלערענט זייערע ערשטע לעסאנס פון קאלעקטיווער דיסציפלין".

די באלעבאטים האבען געגעבען דעם לעצטען שטויס אומצעווארפען די שוין פון פריהער צעשויבערטע פראטאקאל-געביידע. זיי האבען געמאכט א לאקאוט, און דאס האט געבראכט מיט זיך דעם גענעראל סטרייק אין 1916, וועלכער האט געדויערט 14 וואכען, אין וועלכען, „די גאנצע מאכט פון די נייעס-צייטונגען איז געווען אויף דער זייט פון די סטרייקער, האבענדיג אויך הינטער זיך די גאנצע עפענטליכע מיינונג". דזשייקאב ה. שיף, סעם לואיסאן, מרס. אנדרעו מ. ריעד און מרס. ווילארד סטרייט זיינען געווען צווישען די מעמבערס פון א קאמיטע וואס האט געזאמעלט געלט פאר די סטרייקער.

דער אגרימענט וואס האט געסעטעלט יענעם סטרייק האט געגעבען ביידע צדדים מעהר פרייהייט צו האנדלען, ווי דאס האט געטאן דער פראטאקאל. און פון יענער צייט אן, האט יעדער נייער אגרימענט געזוכט איינצושטעלען א באגרעניצונג אויף יענעם סארט פרייהייט אין די באציהונגען צווישען ביידע צדדים אין דער אינדוסטריע, אום צו שאפען א מעהר שטאנדהאפטיגען צושטאנד, פונקט אזוי גוט ווי דאס האט געזוכט צו פארגרעסערען די מאכט און פאראנטווארטליכקייט פון דער יוניאן.

ווי ווייט עס איז געוואקסען די ראליע וואס די יוניאן שפילט אין דער אינדוסטריע קאן מען זעהן פון די איצטיגע אגרימענטס אין דער קלאוק אינדוסטריע. „עס איז צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון די יוניאנס — זאגט דר. לעווין — וואס איז געמאכט געווארען א פולשטענדיגער פרזוך צו האבען אונטער א קאנטראל די אלע באציהונגען וואס ענטשטעהען אין דעם פראצעס פון דער פראדוקציע". אחוץ וואס די אגרימענטס שרייבען פאר אן אומפארטייאישע ארביטריישאן מאשינערי, ווערט איינגעשטעלט ארבייטסלאזען אינשורענס, א סאניטארי לייבעל, דער קלאוק און סוט טרייד פון ניו יארק ווערט אנערקענט צו זיין א יוניאניזירטער טרייד, עס ווערט ערלויבט דער יוניאן צו קאנטראלירען די שעפער און עס ווערט באשטעטיגט דער געשריי פון דער יוניאן, דאס כדי איינצושטעלען בעסערע באדינגונגען איז עס וועגענסווערט און נויטיג אויסצוראטען פון טרייד די קליינע שאפקעס, — בלויז אזעלכע פירמעס וואס באשעפטיגען א געוויסע צאל אפערייטארס ווערען פון אגרימענט אנערקענט.

דר. לעווין פארענדיגט זיין שטודיום פון דער אינטערנייזשאנאל מיט א באשרייבונג פון דעם געבוי, און פון די פאליסיס פון דער יוניאן היינט צו טאג. ער ווייזט אן אויף דער טעטיגקייט פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, וועלכער האט געשאפען א סאניטארי צושטאנד אין די שעפער, און האט אויך געבראכט צום לעבען דעם יוניאן העלט סענטער, וועלכע די יוניאן האט עטאבלירט — „די איינציגע אינסטיטוציע פון דעם סארט אין דער אמעריקאנער ארבייטער-באוועגונג".

ער האט אויך א קאפיטעל וועגען דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פון דער יוניאן. ער דערצעהלט וועגען די „אכט יוניטי סענטער" אין די פאבליק סקולס וואו עס ווערען געגעבען קלאסען פאר די מיטגלידער, און וועגען דעם „ארבייטער אוניווערזיטעט".

שוין ערשינען

The Women's Garment Workers

A History of the International Ladies Garment Workers Union

די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואָרקערס יוניאן

א בוך פון איבער 6 הונדערט זייטען, גרויסער פארמאט און שעהן געבונדען

געשריבען פון

דר. לואי לעווין

פארפאסער פון „סינדיקאליזם אין פראנקרייך" און נאך אנדערע ווערק איבער סאציאלע און עקאנאמישע פראגען.

אויב איהר ווילט האבען אן אמת'ען באגריף וועגען אונזער יוניאן און האבען א גייסטיגען פארגעניגען לעזענדיג, טו פארפעהלט ניט צו לייענען דעם בוך.

דער פרייז פון דעם בוך איז פינף דאלאר.

מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל קאנען באקומען א בוך פאר העלפט פרייז

פאר $2.50

פאר דעם פרייז קאן מען באקומען דעם בוך בלויז

אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 26טע סט., נ. י.

מאנטאג און דאנערשטאג וועט דער אפיס זיין אפען ביז 6.30 פארנאכט, כדי די מיטגלידער זאלען קאנען קריגען דעם בוך געהענדיג פון דער ארבייט.

דריי מיטינגען פון. עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן לאקאל 22

א ספעציעלע זיצונג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן, לאָקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג אווענט, דעם 6טען פעברואר, אין אָפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סט., אונטער דעם פארזיץ פון בר. אב. לופין.

ברודער פארטנאי האט באריכטעט, אז שוועסטער פ. מארגענשטערן, קאנדידאט פאר ביזנעס־איידזשענט פאר אונזער לאקאל, איז פון דער דזש. באארד עקזאמיניישאן קאמיטע ארונטערגענומען געווארען פון באלאט.

אט די האנדלונג פון דער דערמאנטער קאמיטע האט ארויסגערופען א דעבאטע, אין וועלכער כמעט אלע עקז. באארד מעמבערס האבען זיך באטייליגט. און נאך א געהעריגע באטראכטונג, גרינדליך דיסקוטירענדיג דעם פאקט, האט דער עקזעקוטיוו באארד באשלאסען צו שיקען דעם פאלגענדען צושריפט צום דזשאינט באארד און פארלאנגען פון איהם דאס אויפצונעהמען:

„אויף א ספעציעלער עקזעקוטיוו באארד זיצונג, אפגעהאלטען דעם 6טען פעברואר, איז באשלאסען געווארען צו פארלאנגען פון דזשאינט באארד אויפצונעהמען די „קיים" פון שוועסטער פ. מארגענשטערן, קאנדידאט פאר ביזנעס־איידזשענט פון אונזער לאקאל, וועלכע איז פון דער דזשאינט באארד עקזאמיניישאן קאמיטע ארונטערגענומען געווארען פון באלאט.

„שוועסטער מארגענשטערן איז ארונטערגענומען געווארען ניט ווייל זי איז אומפעהיג פאר דער ארבייט, נאר אויף דער באהויפטונג, אז זי איז כלומרשט ניט קיין לאיאלער מיטגליד. שוועסטער מארגענשטערן איז מיט'ן וויסען און מיט דער הסכמה פון דער אינטערנעשאנאל געווען א באאמטער פון דער יוניאן פאר'ן לעצטען יאהר און א האלב. פאר'ן משך פון דער צייט זיינען קיינע קלאגען געגען איהר ניט געבראכט געווארען, און קיין פעלער אדער פארראט אויף וועלכען עס איז אופן איז אויף איהר כאראקטער און באנעהמונג קיינמאל ניט געווען. נאך מעהר, עס איז איהר אפילו ניט געגעבען געווארען די מעגליכקייט צו באווייזען, אז וועלכע עס איז קלאגע געגען איהר אין גרונדלאז.

„נעהמענדיג אין באטראכט די אויבענאנגעגעבענע פאקטען איז די איינשטימיגע מיינונג פון עקזעקוטיוו באארד געווען, אז די עקזאמיניישאן קאמיטע האט ניט געהאט קיין רעכט איהר ארונטערצונעהמען פון באלאט, ווייל דער דאזיגער באשלוס וועט פון איהר אוועקנעהמען דאס רעכט צו זיין א באאמטער פון דער יוניאן, ניט געבענדיג איהר די מעגליכקייט זיך צו פארטיידיגען.

„מיר האפען, אז דער דזש. באארד וועט דעם דאזיגען ענין ווי געהעריג באטראכטען".

נאך דעם איז באשלאסען געווארען, אז א ספעציעלע זיצונג פון עקזעקוטיוו באארד זאל געהאלטען ווערען שבת אין דער פריה, דעם 7טען פעברואר, אויפצונעהמען איינציגע פראגען אין שייכות מיט די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס.

*

א ספעציעלע זיצונג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן, לאָקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען שבת נאכמיטאג, דעם 7טען פעברואר, אין אָפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סט., אונטער דעם פארזיץ פון בר. אב. לופין.

בר. פארטנאי האט באריכטעט וועגען דעם דזשאינט באארד באשלוס, אז די לאקאלען, וואס האבען ארויסגעשטעלט פונקט אזוי פיל קאנדידאטען פאר ביזנעס־איידזשענטס צו וויפיל זיי זיינען, לויט דער קוואטא, פראפארציאנעל בארעכטיגט, אז די דאזיגע קאנדידאטען זאלען ערקלערט ווערען פאר ערוועהלט און זייערע נעמען זאלען ניט דארפען ארויסגעשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט.

דער דזשאינט באארד האט אויך באשלאסען, אז דריי מיטגלידער פון יעדען לאקאל זאלען זיין פארטרעטען אין דער קאמיטע אויפצופאסען אויף די וואהלען, און אויך, אז די מיטגלידער פון די פארשידענע לאקאלען, וואס קאנען ניט לעזען אדער שרייבען זאלען מעגען ערלויבען אנדערע צו שטימען פאר זיי.

נאכדעם ווי דער עקזעקוטיוו באארד האט גרינדליך באטראכט און דיסקוטירט דעם באריכט האט ער באשלאסען צו שיקען דעם פאלגענדען בריף צו דער אינטערנעשאנאל פארלאנגענדיג פון איהר איבערצונעהמען די אויפזיכט איבער די וואהלען:

„אויפ'ן לעצטען דזשאינט באארד מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 6טען פעברואר, איז באשלאסען געווארען, אז די קאנדידאטען וואס די לאקאלען האבען ארויסגעשטעלט פאר ביזנעס־איידזשענטס, און וועלכע זיינען פונקט די נויטיגע צאהל, צו וועלכע די לאקאלען זיינען לויט דער קוואטא פראפארציאנעל בארעכטיגט, אז די דאזיגע קאנדידאטען זאלען ערקלערט ווערען פאר ערוועהלט אהן דעם, אז זייערע נעמען זאלען ארויף אויפ'ן באלאט.

„דאס נעהמט, ערשטענס, אויטאמאטיש אוועק פון אונזערע מעמבערס די פריווילעגיע צו שטימען פאר אדער געגען ביזנעס־איידזשענטס, און, צווייטענס, זיינען די מעמבערס פון די דאזיגע דערמאנטע לאקאלס ערלויבט ארויסצוזאגען זייער מיינונג דורך דעם, וואס זיי האבען א געלעגענהייט צו שטימען פאר די קאנדידאטען פון אונזער לאקאל. מיר באטראכטען אזא צושטאנד פאר גאנץ ניט יושר'דיג און מיר אפעלירען דעריבער צו אייך צו אינסטרואירען דער עלעקשאן קאמיטע פון דעם דזשאינט באארד, אז די מיטגלידער פון די לאקאלס, וואס האבען ניט קיין קאנדידאטען אויפ'ן באלאט זאלען זיך ניט באטייליגען שטימענדיג אין די וואהלען.

„אויף א ספעציעלער זיצונג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד, וואס איז אפגעהאלטען געווארען שבת, דעם 7טען פעברואר, איז די פראגע וועגען די קומענדיגע וואהלען פאר דזשאינט באארד באאמטע אויפגענומען געווארען. דער דזשאינט באארד, וועלכער וועט אנפיהרען די דאזיגע וואהלען האט באשטימט צו האבען דריי מיטגלידער פון יעדען לאקאל אין דער קאמיטע אויפצופאסען אויף די וואהלען. אונזער עקז. באארד האט, נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז מיר האבען א באזונדערען באלאט פאר די דרעסמאכער, פארלאנגט, אז דער דזש. באארד זאל אין יעדען שטימפלאץ ארייננשיקען איין פארטרעטער פון די דרעססמאכער לאקאלס פון לאקאל 22 אדער לאקאל 89.

„און עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אז די דרעססמאכער, וואס ארבייטען אין באזונדערע שעפער און וועלען שטימען אויף א באזונדערען באלאט, זאלען געפינען איינעם פון זייערע פארשטעהער אין די שטים־פלעצער ווען זיי וועלען קומען אפגעבען זייערע שטימען פאר זייערע באאמטע. נאך מעהר, מיר האבען צוגעזאגט צו באצאהלען די עקסטרא אויסגאבען וואס די דאזיגע פריווילעגיע, אויב זי זאל אונז געגעבען ווערען, וועט באטרעפען. און מיר האבען אויך דעם דזשאינט באארד אנגעגעבען אונזערע אורזאכען פארוואס מיר באשטעהען אויף די דערמאנטע פארערונגען. מיר גלויבען, אז עס איז זעהר וויכטיג צו טאן אלץ, וואס איז מעגליך, צו פארמיידען וועלכע עס איז מעגליכקייט אדער טענה, אז עס איז ניט צוגעגאנגען אין ארדנונג, און אויך ניט צו געבען וועמען עס איז די געלעגענהייט צו פארשפרייטען קלאנגען, וואס זאלען ווארפען א שאטען אויף די עהרליכקייט פון די וואהלען.

„דער דזשאינט באארד האט אונזער פארלאנג צוריקגעוויזען. אונזער עקזעקוטיוו באארד האט דעריבער באשלאסען צו פארלאנגען פון אייך איבערצונעהמען די אויפזיכט איבער די וואהלען און אויסקלייבען איינינע ווייס־פרעזידענטען אדער געוועהנליכע יוניאן מעמבערס אין וועמען איהר האט צוטרויען, צו זעהן, אז אלע מיספארשטענדנישען זאלען פארמידען ווערען און אז קיינער זאל ניט האבען די מעגליכקייט צו פארשפרייטען פאלשע קלאנגען אדער ווארפען א שאטען אויף דעם אויסגאנג פון די וואהלען. מיר פיהלען, אז אייער אויפזיכט איז זעהר נויטיג און מיר האפען, אז איהר וועט באוויליגען אונזער פארלאנג.

„אויפ'ן זעלבען דזשאינט באארד מיטינג, אפגעהאלטען דעם 6טען פעברואר, איז אנגענומען געווארען א באשלוס, אז מיטגלידער פון די פארשידענע לאקאלען, וואס קאנען ניט לעזען אדער שרייבען, מעגען ערלויבען איינעם אנדערש צו שטימען פאר זיי.

„דיזער באשלוס וועט ארויסרופען א סך מיספארשטענדנישען און וועט ברענגען צו דעם, אז אנצוהערענישען זאלען פארשפרייט ווערען ווארפענדיג א שאטען אויף דער עהרליכקייט פון די וואהלען. אט אזעלכע און ענהליכע פאלען ווילען מיר פארמיידען.

„מיר בעטען אייך דעריבער איבערצונעהמען די אויפזיכט איבער די וואהלען און אויסקלייבען איינינע ווייס־פרעזידענטען אדער אזעלכע מעמבערס פון אונזער יוניאן, אויף וועמען איהר קאנט זיך פארלאזען און האט צו זיי צוטרויען, צו זעהן, אז דאס שטימען זאל צוגעהן אין די גרעניצען פון די רעכטען, וואס אונזער קאנסטיטוציע גיט די מעמבערס און אויך אוממעגליך מאכען, אז עס זאלען פארשפרייט ווערען וועלכע עס איז קלאנגען וואס רופען ארויס מיסטריען און פארדאכט".

*

א זיצונג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן לאקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 10טען פעברואר, אין אָפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון בר. אב. לופין.

קאמיטעס פון שעפער האבען זיך געווענדעט מיט פארשידענע פארלאנגען און דער עקזעקוטיוו באארד האט נאך א געהעריגער באטראכטונג איבער זיי געהאנדעלט.

בר. פעקער האט דורך א צושריפט ארייננעשיקט זיין רעזיגנאציע אלס מיטגליד פון עקזעקוטיוו באארד. נאכדעם ווי בר. פארטנאי האט ערקלערט די אורזאך וואס האט געצוואונגען דעם דערמאנטען ברודער צו רעזיגנירען, האט דער עקזעקוטיוו באארד באשלאסען ניט צו נעהמען אין באטראכט דעם אבינען צושריפט ביז דער דזשאינט באארד וועט וועגען זיין „קיים" ניט ארייננשיקען קיין אפיציעלע מעלדונג.

די אפיל קאמיטע האט אריינגעבראכט א באריכט פון איהר לעצטען מיטינג און דער עקזעקוטיוו באארד האט דעם באריכט דיסקוטירט און איבער איהם געהאנדעלט.

ברודער פיינבערג, דזשאינט באארד מענעדזשער, האט אויפמערקזאם געמאכט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז די טרייד יוניאן עדיוקיישאנעל ליג האט פארשפרייט א ליפלעט אין די שעפער, ראטענדיג אונזערע מעמבערס ניט צו שטימען פאר איינינע קאנדידאטען אויפ'ן באלאט. ער האט ערקלערט, אז מיט אזעלכע צירקולארען איז מען אויסען צו שאדען איינינע קאנדידאטען, וואהרענד די לעצטע האבען ניט קיין געלעגענהייט צו טאן דאס זעלבינע. ער האט דעריבער פארלאנגט, אז דער עקזעקוטיוו באארד זאל ארויסשיקען אן ערקלערונג צו אלע שאפ־טשערליים פארדאמענדיג די האנדלונג פון די, וואס האבען דעם ליפלעט ארויסגעשיקט און מיטטיילען אונזערע מעמבערס, אז ווער עס וועט אין דעם געפונען ווערען שולדיג, וועט שטרייגג באשטראפט ווערען.

נאך א לאנגער דיסקוסיע איבער דעם דאזיגען ענין, האט דער עקזעקוטיוו באארד ארויסגעדריקט די מיינונג, אז אזוי ווי ער איז ניט פאראנטווארטליך פאר דער האנדלונג פון וועלכער עס איז ליג אדער וועלכען עס איז אינדיווידואל, וואס האט חשק ארויסצושיקען ליטעראטור צו וועלכען עס איז שאפ, זאל דער סעקרעטער ארויסשיקען א בריף צו די שעפער פארלאנגענדיג פון אונזערע שאפ־טשערלייט ניט צו נעהמען אין אכט אזעלכע ליטעראטור און בעטען אונזערע מעמבערס צו שטימען לויט זייער אייגענעם פארשטאנד און ניט לויט דעם ראט פון וועלכער עס איז גרופע.

נאכדעם זיינען געמאכט געווארען וואהלען פאר א מעמבער צו פארטרעטען אונזער לאקאל אין דער דזשאינט באארד עלעקשאן קאמיטע און ברודער דזש. קיפער איז ערוועהלט געווארען.

אויפ'ן פארלאנג פון דעם ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט איז א ספעציעלע קאמיטע פון די ברידער קופער, פארביאש און שוועסטער ניימאן ערוועהלט געווארען צו באטראכטען ווי אזוי צו האנדלען מיט די שעפער וועמעס ארבייטער אנטזאגען זיך אויף דער פארדערונג פון דעם ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט אפצושטעלען די ארבייט.

דזשוליוס פארטנאי, סעק.

אין די ארב. רינג שולען

בראנזוויילער ארבייטער רינג שול 3.

די וואך האט זיך געעפענט די נייע בראנזווילער ארב. רינג שול 3, אין 568 סטאון עוועניו, צווישען בלעיק און דיומאנט עוועס. איבער 80 קינדער זיינען רעגיסטרירט געווארען און באזוכען איצט די שול. דאס איז נאר אן אנהויב. די פארוואלטונג גרייט זיך אין א זעהר קורצער צייט צו פארדאפלען די צאהל קינדער, דאס וועט זיי אנקומען זעהר גרינג, ווייל דער געגענד ארום דער שול איז דורכאויס באוואוינט מיט א. ר. מעמבערס און בכלל ראדיקאלע עלעמענטען, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט צו ערציהען זייערע קינדער אין א מאדערנעם ראדיקאלען גייסט. די דירה איז זעהר גוט צוגעפאסט פאר א שול, אויסערגעוועהנליכע גרויסע, ליכטיגע צימערען מיט אלע באקוועמליכקייטען. עלטערען קענען פארשרייבען זייערע קינדער יעדען טאג פון 4 ביז 8 אוו., שבת און זונטאג פון 10 ביז 2 בייטאג.

בראנקסער ארבייטער רינג שול 3.

צוליב דעם, וואס די שול האט געהאט זעהר א קליינע וואוינונג, האט די שול פיל געליטען דערפון. איצט האט די שול זיך אריבערגעקליבען אין א נייע דירה, 804 פארעסט עוועניו, קארנער 158טע סטריט. די צימערען גרויסע, לופטיגע און ליכטיגע מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען. די דירה האט נאך א מעלה, וואס זי געפינט זיך אין סאמע מיטען פונ'ם ראדיקאלען אידישען ישוב אין די בראנקס. די פארוואלטונג האט זיך איצט גענומען מיט באנייטע כחות צו דער ארבייט, קענוועסען פאר נייע קינדער, גרייטען צו אן אונטערנעהמונג צו פארשטארקען די פאנדען פון דער שול.

מעמבערס פון א. ר. און סתם ראדיקאלע עלטערען, וועלכע ווילען געבען זייערע קינדער א מאדערנע וועלטליכע ערציהונג, קענען פארשרייבען זייערע קינדער יעדען טאג פון 4 ביז 8 אווענד, שבת און זונטאג פון 10 ביז 2 בייטאג.

פרעזענטירען שאפ־טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון די גיינסבארא דרעס קא., 142 וו. 24טע סט., פארזאמעלט ביי א שאפ־מיטינג, דריקען אויס אונזער דאנק צו בר. ברײנדעל, אונזער שאפ־טשערמאן זייט איינינע מאנאטען. מיר פרעזענטירען איהם מיט א גאלד וואטש און מיר ווינשען איהם ער זאל דאס טראגען געזונט.

די קאמיטע:
יאקאב וואלד,
פעני העלפאנר,
פרידא קאטז,
יאקאב שאדיש.

א שלעכטער מאגען

ברענגט קאפ־שמערצען, אונריינע בלוט, אפענדיסיטיס און פילע אנדערע קראנקהייטען.

עקס־לאקס

דער טשאקאלאד אבפיהר־מיטעל

האלט אייער מאגען אין ארדנונג

עקס־לאקס קורירט פערשטאפונג און אין דערזעלבער צייט פערהיט עס אייך פון פילע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פערשטאפטען מאגען.

עקס־לאקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון דיזען יאהר־הונדערט און ווערט רעקאמענדירט פון פראמינענטע מאגען־ספעציאליסטען.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

לירען פיל געלד צוליב דעם וואס די שאפ טשערלייט באצאהלען ניט די דיוס פון די ארבייטער אין איין צענטראלען אָפיס.

די רעקאמענדאציע פון ברודער פיש ווערט גוטגעהייסען.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער פיינבערג באריכטעט, אז עטליכע קאנפערענצען זיינען שוין אפגעהאלטען געווארען מיט די דרעס דזשאבערס, אבער מען איז נאך ניט נעקומען צו קיין צופרידענשטעלענדע רעזולטאטען, ווייל די דזשאבערס זיינען געגען די אנגענומענע סקעדיולס. ברודער פיינבערג רעקאמענדירט דעריבער אז די דזשאינט באארד זאל נעמען א שטרענגע שטעלונג אום דורכצופיהרען דעם טייל פון דעם אגרימענט.

ברודער פיינבערג'ס רעקאמענדאציע ווערט גוטגעהייסען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

דזשאזעף פיש,
סעקרעטער־טרעזשורער.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 6טען מארטש, 1925.

צושריפטען.

די „אינטערנעשאנאל" שיקט אריין א צושריפט אין וועלכען זי אינפארמירט דעם דזשאינט באארד אז לאקאל 89 האט אפעלירט געגען דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד ניט דורכצופיהרען די וואהלען פאר ביזנעס אייזשענטס פון די דרעסמאכער לאקאלס דעם יאהר, נאר אנשטאט דעם צו האבען אפאינטמענטס. די ניו יארקער מעמבערס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האבען אפגעהאלטען זיצונגען דעם 4טען און 5טען מארטש, וואו ברודער אנטאניני האט רעפרעזענטירט לאקאל 89 און ברודער פיש — דעם דזשאינט באארד.

די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, נאך גענויע באטראכטונג פון די אנגעגעבענע ארגומענטען פון ביידע צדדים, איז געקומען צום שלוס, אז דער אפיל פון לאקאל 89 איז א גערעכטער און די וואהלען פאר ביזנעס אייזשענטס פאר די לאקאלס אין דער דרעס אינדוסטריע, זאלען אפגעהאלטען ווערען.

דער צושריפט ווערט אנגענומען און עס ווערט באשלאסען אנצוזאגען מיט די וואהלען פאר ביזנעס אייזשענטס פון די דרעסמאכער.

דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג ערקלערט, דאס אזוי ווי די עקז. באארד פון לאקאל 22 האט זיך ענטזאגט נאכצוקומען דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד אין אונטערשרייבען דעם פארלאנגטען סטייטמענט, דארום רעקאמענדירט ער, אז די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22 זאל ניט ערלויבט ווערען אנטייל צו נעמען אין די וואהלען, נאר אז 5 שאפ-טשערליים פון דער דרעס אינדוסטריע זאלען אויסגעקליבען ווערען צו רעפרעזענטירען לאקאל 22 אויף דער עלעקשאן קאמיטע.

נאכדעם ווי די פראגע ווערט דיסקוטירט, ווערט די רעקאמענדאציע פון דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג גוטגעהייסען.

לאקאל 2 אינפארמירט דעם דזשאינט באארד אז די פאלגענדע דעלעגאטען וועלען רעפרעזענטירען זייער לאקאל ביי דעם דזשאינט באארד: דזש. בארוכאוויטש, י. סטענזער, ה. קראוויץ, א. וויים און מ. קופער.

אלע דעלעגאטען, מיט דער אויסנאמע פון ברודער קופער, וועלכער איז אבוועזענד צוליב קראנקהייט, ווערען צוגעלאזען.

ברודער י. סטענזער וועט רעפרעזענטירען זיין לאקאל ביי די באארד אוו דירעקטארס און ברודער א. וויים — ביי דער אפיל-קאמיטע.

לאקאל 9 אין א צושריפט ערקלערט, אז זיי האבען אריינגעשיקט א צושריפט אין יאהר 1923, אין וועלכען זיי האבען אויפמערקזאם געמאכט דעם דזשאינט באארד וועגען דעם פינאנציעלען צושטאנד פון די לאקאלס. דער לאקאל באהויפטעט, אז אפילו מיט די 50 סענט איז אונמעגליך פאר די לאקאלס צו דעקען די אויסגאבען. זיי פארלאנגען דעריבער, אז די בודזשעט קאמיטע זאל אינסטרואירט ווערען נאך אמאל גענוי צו באטראכטען די פראגע.

סעקרעטער פיש ערקלערט, אז ער האט גערופען א מיטינג פון דער בודזשעט קאמיטע פאר דינסטאג.

לאקאל 10 אינפארמירט דעם דזשאינט באארד דאס זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 6טען פעברואר און דעם באריכט פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 4טען פעברואר.

לאקאל 22 אינפארמירט דאס זיי האבען גוטגעהייסען דעם באריכט פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 4טען פעברואר און דעם פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 6טען פעברואר.

דער זעלבער לאקאל אינפארמירט אויך, אז זיי האבען צוריקגעוויזען דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד בנוגע אפאינטמען די ביזנעס אייזשענטס פאר די דרעס לאקאלס. דער לאקאל אינפארמירט אויך, אז זייערע פארשטעהער, ברידער פארטנאי און דאקס, וועלען ניט אנטייל נעמען אין דער ארבייט פון דער אפאינטמענטס קאמיטע.

דער צושריפט ווערט „געפיילט".

לאקאל 89 אינפארמירט דעם דזשאינט באארד, אז זיי האבען גוטגעהייסען די באריכטען פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 11טען און 18טען פעברואר און דעם פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד און דעם 20טען פעברואר, מיט די פאלגענדע אויסנאמען:

1. זיי ווייזען צוריק דעם באשלוס פון די באארד אוו דירעקטארס ניט צו אונטערזוכען צי די ברידער מאליסאני און בארענשטיין זיינען נאך בעצאהלטע באאמטע אין זייערע לאקאלס. דער לאקאל איז מיט דער מיינונג, אז בעצאהלטע אפיסערס קענען ניט זיין קיין דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד. זיי פארלאנגען דערום צו-וויסען צי א באצאהלטער באאמטער מעג זיין א דעלעגאט פון דעם דזשאינט באארד.

2. דער זעלבער לאקאל ווייזט אויך צוריק דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד בנוגע דעם אויסדרוק פון אנערקענונג צו די ארויסגעהענדע אפיסערס פון דעם דזשאינט באארד.

3. דער לאקאל אנערקענט ניט קיינע אפאינטמענטס פון ביזנעס אייזשענטס. עס איז זייער מיינונג, אז די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס זיינען די איינציגע וועלכע זיינען בארעכטיגט צו מאכען אפאינטמענטס.

דער ערשטער טייל פון דעם צושריפט בנוגע די דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד ווערט פארשיבען צום נעקסטען מיטינג פון דעם דזשאינט באארד צו דיסקוטירען.

ספעשעל קאמיטע באריכטען.

די קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען צו אונטערזוכען קלאגען וועלכע זיינען אריינגעבראכט געווארען צו דעם דזשאינט באארד, באריכטעט, אז זי האט אויפגענומען די קלאגען און רעקאמענדירט דאס פאלגענדע:

1) אז די קלאגע געגען דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג זאל צוריקגעוויזען ווערען, ווייל דער אנקלעגער איז ניט געקומען ווען ער איז גערופען געווארען 2 מאל.

2) אויך, אז די קלאגע געגען ביזנעס אייזשענט ווייסבערג זאל צוריקגעוויזען ווערען.

3) אין דער קייס פון ברודער סיימאן באומרינד, וועלכער איז ערוועהלט געווארען אלס ביזנעס אייזשענט און וועלכער איז נאך ניט אנגעשטעלט געווארען צוליב א קלאגע, וועלכע איז געגען איהם געמאכט געווארען פון לאקאל 2, ערקלערט די קאמיטע, אז די קלאגע געגען דעם ברודער איז ניט באגרינדעט און דעריבער רעקאמענדירט זי, אז דער ברודער זאל גענומען ווערען אומשולדיג.

די רעקאמענדאציעס פון דער קאמיטע ווערען גוטגעהייסען.

ברודער נאכלין, פרעזידענט פון דעם דזשאינט באארד, ערקלערט אין א קורצער רעדע, דאס אזוי ווי וואהלען האבען שטאטגעפונען אין זיין לאקאל און ער איז ניט ערוועהלט געווארען אלס דעלעגאט צום דזשאינט באארד דעריבער באדאנקט ער די דעלעגאטען פון דעם דזש. באארד פאר דער קאאפעראציע און צוטרוי וואס זיי האבען איהם געצייגען פאר דער גאנצער צייט וואס ער איז געווען טשערמאן פון דעם דזשאינט באארד. ער ערקלערט אבער, אז דאס מיינט ניט, אז ער גיט אויף זיין יוניאן אקטיוויטעט. ער וועט אויך אין דער צוקונפט דינען טריי די אינטערעסען פון די ארבייטער אין דער ארגאניזאציע.

די דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד באגריסען זיינע ווערטער מיט ווארימע אפלאדיסמענטען.

באארד אוו דירעקטארס באריכט.

קאמיטעס.

מר. קאופמאן, פון דער פירמע „פיינבערג און קאופמאן", 183 טאטפארד עוו., ברוקלין, פארלאנגט אז די באארד אוו דירעקטארס זאל אינסטרואירען דעם בראנזוויל אפיס צו זיין מילד אין סעטלען זיין שאפ. מר. קאופמאן, וועלכער איז געווען א יוניאן מעמבער, ערקלערט, אז ער האט אימער געהאט א יוניאן שאפ און האט ניט געוואוסט, אז זיין פארטנער, מר. פיינבערג, האט ווען עס איז אריינגענומען ארבייט פון דער „קליא דרעס", געגען וועלכער פירמע די יוניאן פיהרט איצט אן א סטרייק. ער בעט דעריבער די באארד אוו דירעקטארס צו נעמען אין אנבאטראכט זיין פריהערדיגע טעטיגקייט אין דער יוניאן, איידער ער איז אריין אין ביזנעס.

ברודער קעסטען, מענעדזשער פון דעם בראנזוויל אפיס, וועלכער קאנטראלירט דעם שאפ, ערקלערט, אז מיט א וואך צוריק האט א קאמיטע פון דער „קליא דרעס" געבראכט א קאמפליינט צום אפיס געגען דער פירמע „פיינבערג און קאופמאן" פאר ארבייטען פאר זייער פירמע. א ביזנעס אייזשענט איז גלייך ארויפגעשיקט געווארען צוזאמען מיט דער קאמיטע צו דער פירמע, אבער די לעצטע האט ערקלערט, אז זי האט קיינמאל ניט געארבייט פאר דער „קליא דרעס". דער אפיס האט דעריבער ארויסגעשיקט אן אקאונטענט, וועלכער האט געפונען אז דער קאנטראקטאר האט געמאכט 250 דרעסעס פאר דער „קליא דרעס" זינט די לעצטע איז ערקלערט געווארען אין סטרייק.

נאכדעם ווי ברודער קעסטען גיט אפ די ערקלערונג, ווערט די קייס איבערגעשיקט צום אפיס.

צושריפטען.

דער צושריפט פון לאקאל 22, וועלכער איז איבערגעשיקט געווארען פון דעם דזשאינט באארד צו די באארד אוו דירעקטארס אין באצוג רופען א מאסמיטינג פאר „סאקא און וואנזעטי", דעם ערשטען מארטש, ווערט אויפגענומען. אזוי ווי עס זיינען בלויז פאראן עטליכע טעג ביז דעם ערשטען מארטש, ווערט באשלאסען, אז א בריף זאל געשיקט ווערען צו דעם געהעריגען פערזאן, פארלאנגענדיג אן אנדער טרייל פאר די צוויי ארבייטער קעמפער.

צווייטער באריכט פון די באארד אוו דירעקטארס.

קאמיטעס.

א קאמיטע פון דעם שאפ פון „ה. גאלדבערג", 41 איסט 28טע סטריט, פארלאנגט, אז די באארד אוו דירעקטארס זאל העכערען זייער סטרייק בענעפיט. זיי באהויפטען, אז זיי זיינען אין סטרייק שוין 11 וואכען און קענען ניט מאכען א לעבען מיט די בענעפיטס וואס זיי קריגען.

דער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צום אפיס.

מענעדזשערס' באריכטען.

ברודער סלוצקי באריכטעט, אז די „קאארידזש מאנופעקטשורינג קא." 114 וועסט 30טע סט., האט דיסטשארדזשט אפערייטאר אקערמאן. די קייס איז ווי פאלגט:

דער אפערייטאר האט צוגעשטימט צו ארבייטען פאר דער דערמאנטער פירמע פאר 50 דאלאר א וואך. נאך עטליכע וואכען צייט האט ער פארלאנגט א רייז און די פירמע האט זיך אנטזאגט איהם דאס צו געבען. די ארבייטער האבען זיך דאן אריינגעמישט און האבען געקראגען א 5 דאלאר רייז פאר דעם ברודער. ברודער אקערמאן האט זיך פון דעם אבער אנטזאגט, פארלאנגענדיג א 10 דאלאר רייז. אזוי ווי די פירמע האט זיך אנטזאגט איהם דאס צו געבען, האט ער אנגעפאנגען צו אגיטירען צווישען די ארבייטער, זיי זאלען ארבייטען לאנגזאמער, אויב ניט, האט ער זיי געסטראשעט צו רופען צו דער גריוועגס קאמיטע. די קייס איז פארגעקומען פאר דער גריוועגס קאמיטע פון דעם דזשאינט באארד און עס איז באשלאסען געווארען, אז ער זאל צוריקגעהן צו דעם שאפ. די פירמע האט זיך אבער אנטזאגט איהם צוריק צו נעמען. ברודער סלוצקי איז דעריבער געצוואונגען צו ערקלערען דעם שאפ אין סטרייק, כדי צו ריאינסטייטען דעם ברודער.

ברודער סלוצקי באריכטעט ווייטער, אז די פירמע „אהרן לעווין", פון 122 וועסט 26טע סטריט, איז געפיינט געווארען 250 דאלאר פאר געבען לייבעלס צו א ניט-יוניאן שאפ אין בראנזוויל.

ברודער סלוצקי'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער שוסטער באריכטעט, אז זיין אפיס איז אינפארמירט געווארען, אז די ארבייטער פון דער „ווינער קלאוק קאמפאני", 11 וועסט 17טע סטריט, האבען געארבייט שבת נאכמיטאג. א קאמיטע איז ארויפגעשיקט געווארען צו אונטערזוכען די קייס און די ארבייטער און די פירמע האבען אפגעלייקענט די קלאגע. דער אפיס איז דעריבער געווען געצוואונגען אפצוסטאפען דעם שאפ. נאך א סטאפערזוש פון 2 טעג האבען די ארבייטער און די פירמע צוגעגעבען, אז זיי האבען געארבייט שבת נאכמיטאג. די פירמע'ס סעקיוריטי איז דעריבער פארלוירען געגאנגען און זי האט דעפאזיטעט אן אנדער סעקיוריטי מיט דעם אפיס. די ארבייטער וועלען גערופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע.

דער אפיס איז אויך אינפארמירט געווארען, אז די פירמע „טוירק בראדערס", 12 וועסט 17טע סטריט, שיקט ארבייט ארויס צו מאנסייר און וואהרענד די אינסייד ארבייטער געהען ארום ליידיג. אן אונטערזוכונג האט באוויזען די קלאגע צו זיין ריכטיג און די פירמע האט באצאהלט א פיין פון 100 דאלאר און האט צוגעשטימט אין דער צוקונפט מעהר קיין ארבייט ניט ארויסצושיקען. די פירמע האט פארשפראכען צו געבען די אינסייד ארבייטער גענוג ארבייט פאר די קומענדע 6 וואכען.

ברודער שוסטער באריכטעט ווייטער, אז דער אפיס האט געקראגען א קאמפליינט, אז די „פריסקא קלאוק קאמפאני", 47 וועסט 19טע סטריט, ארבייט פאר „בלאונער בראדערס", געגען וועלכער פירמע די יוניאן פיהרט איצט אן א סטרייק. אן אונטערזוכונג האט באוויזען דעם קאמפליינט צו זיין ריכטיג און דער שאפ איז ערקלעהרט געווארען אין סטרייק.

ברודער שוסטער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער שעכטער באריכטעט פאר דעם הארלעם אפיס. פאר 5 וואכען צייט פון דעם 29טען יאנואר ביז דעם 4טען מארטש. אין דער צייט האט זיין אפיס אטענדעט צו 126 קאמפליינטס.

ברודער שעכטער באריכטעט אויך אז זיין אפיס איז אינפארמירט געווארען, אז די פירמע „ע. ביאזא", 144 וועסט 57טע סטריט, ארבייט פאר „ל. קאהען", 1370 בראדוויי, געגען וועלכער פירמע די יוניאן פיהרט איצט אן א סטרייק. אן אונטערזוכונג האט באוויזען אז די ערשטע פירמע האט 60 גארמענטס אין איהר שאפ, וועלכע באלאנגען צו דער סטרייקענדער פירמע. די פירמע „ע. ביאזא" איז אינסטרואירט געווארען ניט צו ארבייטען אויף די גארמענטס ביז זי וועט אינפארמירט ווערען פון דעם אפיס.

„לא מאגנא סקוירט קאמפאני", 2011 דריטע עוועניו. די פירמע האט באשעפטיגט ניט-יוניאן ארבייטער און האט ניט באצאהלט די געלד פאר דער „אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד". דער אפיס איז דעריבער געווען געצוואונגען צוריקצוציהען דעם סעטלמענט מיט דער פירמע.

ברודער שעכטער באריכטעט אויך, אז די פאלגענדע דרעס שעפער האבען באנייט זייערע אגרימענטס מיט דער יוניאן: —

אלבערט דרעס קאמפאני, 587 קארדים עוועניו.

לו בלאנר, 114 וועסט 125טע סטריט.

בראנקס דרעס קאמפאני, 3731 דריטע עוועניו.

ברונא דרעס קאמפאני, 2336 דריטע עוועניו.

דע אנדזשעלעס דרעס קאמפאני, 180 איסט 114טע סטריט.

דייענע דרעס קאמפאני, 419 איסט 119טע סטריט.

אי און אי סטייל קאמפאני, 971 איסט 165טע סטריט.

הארלעם דרעס און סקוירט קאמפאני, 176 א. 106טע סטריט.

דזשיי על ווייסט קאמפאני, 305 איסט 149טע סטריט.

קיימיש דרעס קאמפאני, 1013 איסט טרימאנט עוועניו.

א. קלעפער, 23 איסט 125טע סטריט.

ליבערטי בעל ווייסט, 1274 האו עווע.

מעריסאן דרעס קאמפאני, 248 איסט 151טע סטריט.

דזש. נאכט, 1794 לעקסינגטאן עווע.

פאמפיי דרעס, 170 איסט 116טע סט.

סיגנעל ווייסט, 864 פרימען סטריט.

סיימאן דרעס קאמפאני, 204 איסט 107טע סטריט.

וועניטשען דרעס קאמפאני, 114 וועסט 125טע סטריט.

וויקטארי דרעס קאמפאני, 3293 דריטע עוועניו.

אלעקס וויים, 368 איסט 148טע סט.

מ. וואולף, 194 לעקסינגטאן עוועניו.

זעפיר דרעס קאמפאני, 2195 דריטע עוועניו.

ברודער שעכטער באריכטעט, אז עטליכע פון די דערמאנטע שעפער האבען דעפאזיטעט א צווייטע סעקיוריטי מיט דער יוניאן.

דער הארלעם אפיס איז אויך געווען ערפאלגרייך אין דעם ארגאניזיישאן קאמפיין אויף די ניט-יוניאן שעפער, אין אפ סטאפען 12 שעפער, 6 פון וועלכע האבען געסעטעלט און דעפאזיטעט סעקיוריטיס מיט דער יוניאן. די אנדערע 6 שעפער זיינען נאך אין סטרייק. דער הארלעם אפיס פיהרט איצט אן סטרייקס געגען 6 דרעס און 4 קלאוק שעפער.

ברודער שעכטער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

סעקרעטאר טרעזשורער פיש רעקאמענדירט, אז דער דיום דעפארטמענט, וועלכער איז אויפגעלייזט געווארען לויט א רעקאמענדאציע פון דער „רעקאנסטרוקציע קאמיטע", זאל צוריק געעפענט ווערען. עס איז זיין מיינונג, אז די לאקאלס פאר-

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. A. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII. No. 11. New York, Friday, March 13. 1925
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די איצטיגע לאגע אין דער קלאוק־אינדוסטריע

פון ל. היימאן מענעדזשער לאקאל 9

דורך דער „וואומענס וועאר" האבען מיר זיך דערוואוסט, אז די דזשאבבערס אסס'ן האט ארויסגעשיקט בריף צו איהרע מעמבערס, אז זיי זאלען זיין פארזיכטיג מיט'ן קויפען ווארע פאר'ן קומענדען ווינטער סיזאן, ווייל זיי ערווארטען טראבעל מיט דער יוניאן און ס'איז מעגליך, אז עס זאל קומען צו א דזשענעראל סטרייק. מר. פינדער האט פאר זיין אסס'ן, דער „אינדאסטריעל קאונסיל", געמאכט אן ערקלערונג אין דער „וואומענס וועאר", אז ער האט געראטען זייערע מעמבערס צו זיין געדולדיג נאך איינינע וואכען, ביז דער רעפארט פון דער קאמישאן וועט באקאנט ווערען. דערווייליגע זאלען זיי זיין פארזיכטיג אין קויפען ווארע פאר'ן פאל סיזאן. מר. פינדער קלאגט נעבאך, אז זיי האבען געטראגען דעם לאסט, וועלכע די קאמישאן האט אויף זיי ארויפגעלייגט פאר די לעצטע 8 מאנאטען, און זיי ערווארטען, אז מען זאל פון זיי ארונטערנעהמען די משא, אויב מען וויל אז זיי זאלען קאנען עקזיסטירען און אנגעהן מיט זייערע ביזנעס. די באסעס פארשפרייטען קלאנגען איבעראל, אז זיי וועלען ניט אננעהמען די רעקאמענדיישאנס פון דער קאמישאן, אויב יענע וועלען רעקאמענדירען די באגרעניצונג פון קאנטראקטארס, און א געוויסע צאהל וואכען אין יאהר ארבייט. מעגליך, אז דאס טוען זיי אבזיכטליך, אז דאס זאל דערגרייכען דער קאמישאן. זיי דענקען, אז ווען די קאמישאן וועט וויסען זייער מיינונג, אז זיי זיינען באשלאסען ניט נאכצוגעבען קיינע פאדערונגען פון דער יוניאן וועט עס אפילו פיהרען צו א דזשענעראל סטרייק, און אזוי ווי די קאמישאן וויל דאך פארמיידען א דזשענעראל סטרייק, וועלען זיי ערקלערען די פאדערונגען פון דער יוניאן אלס ניט פראקטיש און ניט דורכפיהרבאר, און וועט רעקאמענדירען, פילייכט מיט איינינע ענדערונגען פון קליינער באדייטונג, אז דער איצטיגער אגרימענט זאל באנייט ווערען אויף נאך צוויי יאהר, און עס וועט הערשען פרידען און ארדנונג.

ווען די יוניאן האט ארויסגעשטעלט אזעלכע פאדערונגען, ווי דאס רעכט צו עקזאמענירען די ביכער, באגרענעצונג פון די צאהל קאנטראקטארס און א געוויסע צאהל וואכען אין יאהר ארבייט, האט מען קלאר געמאכט ניט נאר די קלאוקמאכער, נאר דאס פובליקום אין אלגעמיין, אז דאס זיינען אזעלכע פאדערונגען, וועלכע זיינען פאר דער יוניאן א לעבענס־נויטווענדיגקייט און די יוניאן איז באריים צו קעמפען פאר דיזע פאדערונגען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט. די דזשאבבערס זיינען פארפליכטעט צו שיקען זייער ארבייט אין יוניאן שעפער, זיי גיבען אבער ארבייט אין אלע סקעבנעסטען. אין די יוניאן־שעפער איז מען געצוואונגען ארונטערצולאזען פון די אנגענומענע סטאנדארדס, אויב מען וויל קריגען ארבייט. די דזשאבבערס צושפרייטען זייער ארבייט צווישען פילע קליינע קאנטראקטארלאך, וועלכע פירען אן א האלז־שניידענדע קאנקורענץ און ווער עס מאכט ביליגער, יענער קריגט ארבייט. אין די שעפער וואו מען קוקט ניט ווי שפעט עס איז, מען ארבייט טאג און נאכט, און פון שטיק, איז דא ארבייט; אין די שעפער וואו מען היט אפ די יוניאן־רולס און וואו מען האלט זיך ביי די יוניאן־סטאנדארדס, איז ניטא קיין שטאך ארבייט. ערשט אין ברען פון סיזאן, ווען דיזע סקעב־נעסטען קענען ניט אויפמאכען אלע ארדערס, ניט מען אויך ארבייט דעם גוטען יוניאן־שאפ. אזא צושטאנד האט געפיהרט, אז יעדער מאנופעקטשורער האט געשטרעבט צו ווערען א דזשאבבער. ווערען א דזשאבער האט געמיינט, מאנופעקטשורען קלאוקס אונטער סקעב־קאנדיציאנען. דאס איז געווען אמת מיט א יאהר און א האלב צוריק, ווען מיר זיינען געקומען מיט אונזערע פאדערונגען און אונזערע טענות צו דזשאבבערס, און דאס איז אבסאלוט אמת היינט צו טאג. דער יעצטיגער אגרימענט מיט די דזשאבבערס איז אין קיין הינזיכט ניט בעסער ווי דער פאריגער. די דזשאבבערס האבען זיך פארפליכטעט צו שיקען ארבייט בלויז אין יוניאן־שעפער, אבער מיר מוזען זיי גלויבען אויפ'ן ווארט, אז זיי היטען דעם אפמאך. איהר מעגט האבען וויפיל קאמפליינטס, וואס פאר א פארדאכט, אז דער אדער יענער דזשאבבער שיקט ארבייט אין סקעבשעפער, וועלען זיי אייך ניט ווייזען זייערע ביכער, איהר קענט נארנישט טאן, סיידען איהר פאקט זיינע ווארע אין א סקעב־שאפ און מ'קאן שוין דאן ניט לייקענען. אבער דאס איז דאך זעהר א שווערער דזשאב און דאס געלינגט זעהר זעלטען. און ווען עס טרעפט שוין יא אמאל, אז מען כאפט איינעם מיט די גודס, מיינט איהר אז מען הענגט איהם? עט, עס הויבט זיך גארניט אן! זעהר זעלטען קריגט ער א שטראף, און קיינמאל איז דער שטראף ניט גרויס גענוג, אז עס זאל זיך ניט לוינען ווידער צו באגעהן דעם זעלבען פארברעכען.

די אינשורענס: די דזשאבבערס זיינען אפילו פארטראטען אין דער אינשורענס קאמישאן, זאגען א דעה; דער אומפארטייאישער טשערמאן האט שוין זאגאר ארויסגעגעבען א רולינג, אז זיי מוזען צאהלען צום אינשורענס פאנד, אבער עס הויבט זיך ניט אן. זיי צאהלען ניט און טוט זיי עפעס. עס איז א פאקט, און אלע ווייסען עס, אז די דזשאבערס היינט צו טאג זיינען אזעלכע „פרייע פויגלען", ווי פאר־א־יאהרען אין דער צייט, און אז קיינע פון די איבלען אין קלאוקטרייד, וועלכע די דזשאבבערס האבען פאראורזאכט, זיינען פון פאראיאהרען ביז היי־יאהר ניט פארמינדערט געווארען. די 14 מאשינען, וועלכע די קאמישאן האט אונז געגעבען, קאן ניט דורכגעפיהרט ווערען. די קאנטראקטארס וואלטען זיכער געוואלט האבען ארבייט גענוג פאר 14 אפערייטארס, אבער די דזשאבבערס גיבען ניט גענוג ארבייט. זיי צושפרייטען זייערע גארמענטס אין וואס מעהר שעפער, און אין וואס קלענערע שעפער. וואס קלענער דער שאפ, אלץ בעסער. עס איז שווער פאר א שאפ פון 14 אפערייטארס צו מאכען א קארפארייישאן, אדער ארבייטען פון שטיק און אומגעזעצליכע שטונדען. א שאפ פון 3 אדער 4 אפערייטארס, מעגט איהר זיין זיכער, אז אין 9 קייסעס פון יעדע 10, איז א קארפארייישאן, מען ארבייט פון שטיק און אומגעזעצליכע שטונדען. אט־דיזע שעפ, גרייכען די דזשאבבערס, דיזע שעפער נוצען זיי אויס ארונטערצודריקען דעם קאסט פון פראדוצירען גארמענטס. אזוי לאנג ווי דער דזשאבבער וועט קאנען שיקען ארבייט אין אן אומבאגרענעצטער צאהל שעפער, אזוי לאנג ווי דער דזשאבבער וועט קאנען דיסטשארדזשען קאנטראקטארס צו יעדער צייט, ווען ער וועט אויסגעפינען וואו צו מאכען ביליגער זיין ארבייט, קאן די לאגע פון די ארבייטער ניט פארבעסערט ווערען. אדער מיר וועלען איינצאמען די דזשאבבערס און מאכען זיי פאראנטווארטליך פאר דעם ארבייטער'ס ווייזדשעס, פאר זיין לעבען, פאר זיין געזונט, אדער די דזשאבערס, אין זייער קאנקורענץ צו קריגען ביליג ארבייט, וועלען איהם דערפיהרען צו דעם טיפסטען אפגרונט.

ווירקליך, עס קלינגט זעהר קאמיש ווען אונזערע באסעס באקלאגען זיך אויף דער לאסט, וועלכע זיי טראגען, נעבאך, און דעם אפיל וואס זיי מאכען, אז די קאמישאן זאל פון זיי ארונטערנעהמען די שווערע משא פון זייערע פלייצעס, אניט וועלען זיי, חלילה, צוזאמענברעכען. די קלאוקס־אינדוסטריע איז א רייכע אינדוסטריע. הונדערטער מיליאנען באטרעפט די קלאוקס, וועלכע מיר פראדוצירען יעדען יאהר, ניט איין מאנופעקטשורער האט אנגעזאמעלט מיליאנען, און אלס א קלאס ציהען די אונטערנעהמער אין דער קלאוק־אינדוסטריע ניט קיין ערגערע פראפיטען, ווי אין אנדערע אינדוסטריעס. און וואס האבען די ארבייטער, די וועלכע האבען דאס ארויפגעצוואונגען אזעלכע שווערע לאסטען אויף די באלעבאטים. אדרבא, רעכענט אויס וויפיל האבען די ארבייטער פארדינט דעם לעצטען יאהר; וויפיל קלאוקמאכער וועלען דארפען צאהלען אינקאם טעקס; וויפיל קלאוקמאכער קאנען לעבען ווי מענשען מיט זייערע פארדינסטען? נאר א סך קלאוקמאכער וואלטען שוין לאנג אויסגעהויכט זייערע נשמות, ווען זיי וואלטען באדארפט לעבען פון זייערע פארדינסטען ביי קלאוקס. נאך די עטליכע וואכען סיזאן געהען א סך זוכען ארבייט ביי אנדערע טריידס. אנדערע מענעדזשען צו לעבען, א דאנק דעם וואס זיי עקספלואטירען זייערע קינדער. די קינדער ארבייטען, און גיבען אוועק די פארדינסטען אין הויז. עס איז יאך זעלטען צו געפינען א שאפ וואו אונזערע מעמבערס זאלען פארדינען דורכ'ן יאהר גענוג אפילו די נשמה צו דערהאלטען. מיר גלויבען, עס איז געקומען די צייט, אז מיר זאלען ניט פארדעקען דעם אמת. עס איז געקומען די צייט ניט צו יאצקענען זיך מיט ווערטער און פאדערען פון די דזשאבבערס, וועלכע זיינען די אמת'ע באלעבאטים אונזערע. אז זיי זאלען אונז געבען אויף א לעבען צו מאכען. געוויס זיינען פאראן א צאהל קאטערס, פרעסערס און אפערייטארס, וואס מאכען א גוטען לעבען, פארדינען גרויסע ווייַדזשעס און ארבייטען לאנגע סיזאנס. אבער זייער צאהל איז זעהר קליין, אין פארגלייך מיט די גרויסע מאסע, וועלכע ארבייטען קורצע סיזאנס און פאר קליינע וויידזשעס. מיר קענען ניט, מיר טארען ניט קוקען אויף די מינאריטעט גוט־באצאהלטע; אין די ערגסטע צייטען, ווען ס'איז דאר קיין יוניאן ניט געווען, און עס האט געהערשט דער „סוועטינג סיסטעם", אפילו דאן זיינען געווען א קליינע צאהל, וועלכע האבען גוט פארדינט. אבער מיר האבען זיך מיט דעם ניט גערעכענט. מיר שטרעבען צו א צושטאנד, וואו יעדער ארבייטער זאל ארבייטען אונטער מענשליכע באדינגונגען און קריגען גענוג אויף א לעבען צו מאכען. א יוניאן איז געשאפען ניט פאר איינצעלנע, און עס איז די פליכט פון דער יוניאן צו קעמפען פאר אזעלכע פארבעסערונגען, וועלכע וועלען פארזיכערען אלע מעמבערס מיט דער מעגליכקייט אן אנשטענדיגען לעבען צו מאכען. מיר האבען געגלויבט, אז מיט דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט וועלען די סיזאנס פארלענגערט ווערען; צום סוף זעהען מיר, אז פון יאהר צו יאהר ווערען די סיזאנס קירצער. דאס איז ניט, אזוי ווי מען וויל אונז איינריידען, די שולד פון די סטיילס און אנדערע צוטשעפענישען, וועלכע מען טשעפעט צו צו דער קלאוק־אינדוסטריע. וואלטען די דזשאבבערס געוואוסט, אז די לעבענס פון די ארבייטער זיינען ניט הפקר; וואלטען זיי געוואוסט, אז מען קען ניט 6 וואכען פאר פסח מאכען א „ביזי", און מאכען די ארבייטער צו ארבייטען טאג און נאכט, שבת און זונטאג, און אזוי קריגען אויפגעמאכט די קלאוקס, וואלט דער סיזאן זיך אנגעפאנגען פריהער. ווייסען מיר דאך, אז אין די שעפער וואו מען קוקט ניט אויף יוניאן־סטאנדארדס, איז דא ארבייט א סך פריהער ווי אין די יוניאן־שעפער.

קענען מיר, וועלען מיר האלטען די יוניאן שעפער פאר די קאנוויניענס פון די דזשאבבערס?

קענען אונזערע מעמבערס מאכען א לעבען פון די 6־וואכיגע סיזאנס? וויכער ניט. אט דערפאר מוזען מיר, מאכט נישט אויס וויפיל אפפער עס זאל אונז ניט קאסטען, אויסקעמפען די באגרענעצונג פון קאנטראקטארס, און א געוויסע צאהל וואכען אין יאהר ארבייט. כל זמן מיר וועלען דאס ניט קריגען, וועלען אלע אונזערע אנדערע געווינסטען ניט האבען קיין שום ווערט.

אנערקענונגס רעזאלוציע

מיר, די ארבייטער פון ה. שווארץ דרעס שאפ, 15 וועסט 27טע סטריט, פארזאמעלט ביי א שאפ־מיטינג, דריקען אויס אונזער אנערקענונג צו אונזער שאפ־טשערמאן, ברודער סעם שוירקעל, פאר זיין איבערגעבענער ארבייט פאר'ן שאפ און מיר פרעזענטירען איהם מיט א שעהנעם וויקטאר מאשין.

מיר האפען, אז ער וועט אויך ווייטער אנגעהן מיט זיין גוטער ארבייט פאר'ן שאפ. אויך פרעזענטירען מיר אונזער פרעס־קאמיטע: מ. גורענבערג, נ. סינגער, ב. ברוינשטיין און מ. רודערמאן מיט שעהנע פלאטינום קאף באטאנס פאר זייער גוטער ארבייט.

די קאמיטע:

י. קאדער, י. הערמאן, ה. ראטה, מ. הוטט און מ. מארגאליס.

דאלארס אויף פסח

דער בעסטער און ראיעלסטער וועג פאר שיקען ריכטיגע אמעריקאנער דאלארס

— נאך —

סאוויעט רוסלאנד, פוילען, ליטא, לאטוויא

און אנדערע טיילען פון איראפא

מיר האבען דריי (3) פארשידענע מעטאדען פון אריבערשיקען דאלארס צו די מעהרסטע פון די אייבען־דערמאנטע לענדער:

1. **שנעל:** דורך אן אמעריקאן עקספרעס מאני ארדער, א מערקווירדיג שנעלע סירוויס. די געלט ווערט אויסגעצאהלט אין אונזערע אפיסעס אדער פון אונזערע קארעספאנדענטען אין אויסלאנד לויט בריפליכע אינסטרוקציעס וואס זיי קריגען פון אונז.

2. **שנעלער:** — דורך ראדיא אדער קייבעל איבער'ן ים קיין לאנדאן, פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען. דאס שפארט איין פון 10 ביז 15 טעג פון דער צייט וואס עס נעהמט געוועהנליך ווען מען שיקט די גאנצע וועג פון אמעריקא דורך פאסט. די ביסעל עקסטרא וואס מען רעכענט פאר דיזער סירוויס מעהר ווי דורך פאסט (נומער 1) איז בלויז 35 סענט פאר רוסלאנד און 25 סענט פאר אלע אנדערע לענדער צוזאמען מיט 6 סענט פאר יעדען ווארט אין דעם מעסעדזש (סומע, נאמען און אדרעס פון פערזאן וועלכער קריגט די געלד; דאס איז אקוראט ווי די זעלבע סומע וואס מיר אליין צאהלען דער קייבעל אדער ראדיא קאמפאני).

3. **אם שנעלסטען:** — דורך קייבעל אדער ראדיא די גאנצע וועג ביז דעם לאנד וואו מען דארף די געלד אפגעבען אדער ביז א שכנ'ישען פונקט, פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען.

ארדערס פאר נאך אמאל שיקען געלט אין פוילען

אויב איהר האלט שיקען נאך געלט צו א פערזאן אין פוילען, צו וועלכען איהר האט שוין איין מאל געשיקט, אפילו דורך דער ערשטער אדער צווייטער מעטאדע, מיט דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאני, קאנט איהר עס שיקען דורך א א דירעקטער קייבעל אדער ראדיא (מעטאדע נומער 3) און עס וועט אייך קאסטען בלויז א העלפט פון פרייז.

רעסיטס: אויף אלע געשיקטע סומען, ווען די פערזאן ערהאלט די געלט, דארף ער אונטערשרייבען א רעסיט צו באשטעטיגען, אז ער האט עס ערהאלטען. מיר טוען אלעס מעגליכעס צו קריגען רעסיטס און מיר שיקען זיי צוריק צו אייך דורך דעם זעלבען אפיס פון וואנען איהר האט ארויסגעשיקט די געלט.

AMERICAN EXPRESS CO.

65 BROADWAY, NEW YORK

18 Chatham Square
Open Monday until 8 P. M.
118 West 39th Street

17 West 23rd Street
Corner 5th Avenue
2131 Broadway

עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

קורסען און לעקטשורס פון אונזער עדוק. דעפארטמענט אין פארשידענע טיילען פון שטאדט

אין בראנקס.

פרייטאג, דעם 13טען מארטש, 8 אוהר אווענט, אין לאקאל 2 קלאב רומס, 1581 וואשינגטאן עוועניו, בראנקס, וועלען פאניא מ. קאהען און מאקס לעווין ריידען איבער „ארבייטער בילדונג פאר פרויען". דער מיטינג איז ארראנזשירט ספעציעל פאר די פרויען פון אונזערע מיטגלידער.

זונטאג, דעם 15טען מארטש, 11 אוהר אין דער פריה, וועט אין דעם זעלבען פלאץ לעקטשורען דר. יאגא גאלדסטאן איבער „ווי אזוי צו לעבען 24 שטונדען אין א טאג".

פרייטאג, דעם 20טען מארטש, וועט אין דעם זעלבען פלאץ ט. וורייט לעקטשורען איבער „רעליגיאן אין די פאבליק סקולס".

פרייטאג, דעם 27טען מארטש וועט ש. ניגער לעקטשורען אין דעם זעלבען פלאץ. די טעמא וועט אנאנסירט ווערען שפעטער.

אין הארלעם.

זונטאג, דעם 15טען מארטש, 10.45 אוהר אין דער פריה, אין קלאוק מייקערס סענטער, 1629 לעקסינגטאן עוו. לעבען 103טע סטריט, וועט מאקס לעווין לעקטשורען איבער „די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט".

אין דעם זעלבען פלאץ וועט אויך געגעבען ווערען א לעקטשור פאר די פרויען פון אונזערע מיטגלידער. די צייט און טעמע וועלען אנאנסירט ווערען שפעטער.

דאון-טאון.

פרייטאג, דעם 13טען מארטש, 8 אוהר אווענט, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט, רום ס., וועט דר. בוירנארד אויקנער לעקטשורען איבער „ווי אזוי צו לעבען 25 שטונדען אין א טאג".

פרייטאג, דעם 20טען מארטש, אין דעם זעלבען פלאץ וועט מאקס לעווין לעקטשורען איבער „די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט".

אין בראנזוויל.

דאנערשטאג, דעם 19טען מארטש, 8 אוהר אווענט, אין לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט, רום 405, וועט מר. א. פיטשהענדלער לעקטשורען איבער „געזעלשאפטליכע פסיכאלאגיע, אין די ארבייטער באוועגונג".

דעם פרייטאג, די לעקטשור פאר די פרויען פון אונזער מיטגלידער אין בראנקס.

דעם פרייטאג, דעם 13טען מארטש, 8 אוהר אין אווענט, אין די קלאב רומס פון לאקאל 2, — 1581 וואשינגטאן עוו. וועט פאני מ. קאהען און מאקס לעווין לעקטשורען איבער „ארבייטער בילדונג פאר פרויען".

די לעקטשור איז ארראנזשירט געווארען ספעציעל פאר די פרויען פון אונזערע מיטגלידער. דאס הייסט, די מענער וועלען זיין אין דער היים און די פרויען וועלען באזוכען די לעקציע.

האט איהר זיך שוין באזארגט מיט א טיקעט צו אונזער סטודענטען און לערער-צוזאמענקונפט?

אויב איהר האט זיך נאך נים באזארגט מיט א טיקעט צו דעם צוזאמענקונפט פון געוועזענע און יעצטיגע סטודענטען און לעהרער פון אונזערע קלאסען, דאן אייל זיך צו. א טיקעט קאסט בלויז 35 סענט. צו באקומען אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

דער צוזאמענקונפט וועט שטאטפינדען שבת, דעם 28טען מארטש, 7.30 אווענט, אין דיינינג רום פון וואשינגטאן אירווינג האי סקול. עס וועט זיין א „וועטשערינקע" און איהר וועט זיך גוט אונטערהאלטען.

„דער פונדאמענט פון דער יעצטיגער ציוויליזאציע".

א קורס פון 4 לעקציעס וועט געגעבען ווערען פון אלעקסאנדער פיטשהענדלער, אין א. ל. ג. וו. י. בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, מיטוואך, דעם 18טען מארטש. 6.30 אווענט וועט אלעקסאנדער פיטשהענדלער אנפאנגען דעם קורס. די לעקציע געדויערט בלויז איין שטונדע און איז זעהר באלערנד און אינטערעסאנט.

אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט

וואשינגטאן אירווינג היי-סקול.

אירווינג פלייס און 16טע סטריט, ניו יארק.

שבת, דעם 14טען מארטש. — „די ענגלישע און אמעריקאנער ליטעראטור" — ב. י. סטאלפער.

די וואס באטייליגען זיך אין דעם קורס באקומען א קלאהרען באגריף פון דער ענגליש-אמעריקאנער ליטעראטור.

שבת, 2.30. — דר. סילוויא קאפילד וועט לעקטשורען איבער: „דער טשיילד לייבאר אמענדמענט און די עפענטליכע מיינונג".

זונטאג, 10.30 אין דער פריה — ארטור קאלהון וועט לעקטשורען איבער: „פסיכאלאגיע פון דער היינטיגער עקאנאמישער סיסטעם".

זונטאג, 11.30 — „די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט". — ה. י. קארמאן.

דאס איז א שטודיום פון דער אנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען לעבען אין אמעריקא און אין יוראפ.

קורסען אין די אינטערנעשאנאל בילדינג.

3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

מיטוואך אווענט, 6.30, דעם 18טען מארטש. — „דער עקאנאמישער באזיס פון דער מאדערנער געזעלשאפט" — אלעקסאנדער פיטשהאנדלער.

די אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס

איסט סייד יוניטי סענטער.

פאבליק סקול 63 — 4טע סטריט, לעבען ערשטע עוועניו, מאנהעטען.

מיטוואך אווענט, 8.45. — „די סאציאלע און עקאנאמישע כוחות אין דער אמעריקאנער געשיכטע" — א. ל. ווילבערט.

אין דעם קורס ווערען באטראכט די גרויסע אינדוסטריעלע קאמבינאציעס, ווערעס אנטשטעהונג און אנטוויקלונג האבען צוגעגעבען דאס אמעריקאנער לעבען באזונדערע כאראקטעריסטיקס.

ענגליש ווערט געלערנט פאר אנפענגער, אינטערמידיאייט און אדוואנסד. רעדזשיסטרירט זיך גלייך.

עקסטענשאן דיוויזשאן

פרייטאג, דעם 13טען מארטש. — א לעקטשור אין די קלאב רומס פון לאקאל 2, אין 1581 וואשינגטאן עוועניו, בראנקס, איבער דער טעמע: „ווארום די פרויען פון אונזערע מעמבערס דארפען זיך אינטערעסירען מיט דער ארבייטער-באוועגונג".

פרייטאג, דעם 13טען מארטש. — א לעקטשור אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט., 8 אזייגער אין אווענט. דר. בערנארד האכנער וועט ריידען איבער: „דער ארבייטער און זיין געזונט".

פרייטאג, דעם 13טען מארטש. — מאקס לעווין וועט לעקטשורען אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט. איבער: „די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט".

זונטאג, דעם 15טען מארטש, 10.30 אין דער פריה. — א לעקטשור אין קלאוק אפערייטארס סענטער פון הארלעם, 1629 לעקסינגטאן עוועניו. מאקס לעווין וועט ריידען איבער: „די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט".

דאנערשטאג, 19טען מארטש. — אלעקסאנדער פיטשהאנדלער וועט ריידען אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, רום 301, אום 7.30 אווענט, איבער: „דער עקאנאמישער באזיס פון דער מאדערנער געזעלשאפט".

פרייטאג אווענט, דעם 20טען מארש. — א לעקטשור ביי דעם רוסיש-פוילישען ברענטש. טעמע וועט שפעטער אנאנסירט ווערען.

שבת, דען 28טען מארטש. — א צוזאמענקונפט פון די סטודענטען און לערער פון אלע אינטערנעשאנאל קלאסען. דאס וועט פארקומען אין דיינינג רום פון דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול. רעפרעשמענטס און דענסינג. איינטריט 35 סענט.

אונזערע יוניאנס פאנגען אן בויען ערשטע קאאפעראטיווע אפארטמענט הויז אין ניו יארק

(שלוס פון זייט 1).

בען א גארטען מיט א „פליי גראונד" פון דרויסען, וועלען דארט זיין פילע זאכען אינוועניג, וואס קיין אנדער הויז האט נים. אונטען אין בייסמענט וועט זיין אן אודיטאריום פאר 4 הונדערט מענשען, וואו מען וועט קענען מאכען פארטים, קאנצערטען, פארלעזונגען, לעקציעס און אזוי ווייטער. עס וועט דארט אויך זיין א „דזשימנייזיום" און יונג און אלט וועלען קענען ארונטערגעהן מאכען פארשידענע „גימנאסטיקס".

דאס הויז וועט געבויט ווערען פינף פלאר הויך און וועט האבען אפארטמענטס פון דריי ביז זיבען רומס.

יעדער וואס נעהמט פאר זיך א סעט רומס וועט עס אויסצאהלען מיט'ן רענט, וואס וועט קאסטען ארום 12 דאלער פער רום. די איינוואוינער וועלען אויסצאהלען זייערע פלעטס און דאס וועט פארבלייבען זייער אייגענטום, פונקט ווי ווען איינער קויפט א פריוואט-הויז.

די צאהלונגען.

פאר איינוואוינער פון דער הויז ווערען אנגענומען מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל און פון די דריי אנדערע יוניאנס וואס מיר האבען פריהער דערמאנט. יעדער אפליקאנט דארף איינצאהלען 200 דאלאר פער רום. די צאהלונגען נאכדעם וועלען זיין ארום 12 דאלאר פער רום פער חודש. דאס וועט שוין דעקען אלע אויסגאבען אויפצוהאלטען דאס הויז, איינשליסענדיג באהייצונג, באלייכטונג און אזוי ווייטער.

לעצטע וואך איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג אין קאנסול רום פון אונזער אינטערנעשאנאל. דארט זיינען אנוועזענד געווען פארטרעטער פון אלע ארגאניזאציעס וואס שטעהען הינטער דער אונטערנעהמונג און דארט איז ערוועהלט געווארען א באארד אוו דירעקטארס, וואס זאל האבען אויפזיכט איבער דער אונטערנעהמונג. דער באארד אוו דירעקטארס באשטעהט פון די פאלגענדע פערזאנען:

פון אונזער אינטערנעשאנאל, — מאריס זיגמאן, אברהם באראף, דזשאזעף ברעסלאו, דזשאזעף פיש און מאני וויים.

פון די אינטערנעשאנאל באנק. — מאריס הילקוויט און פיליפ קאפלאוויץ.

פון די פאריערס אינטערנעשאנאל, — מאריס קויפמאן און א. ראזענטאל.

פון די יונייטעד קלאט העט און קעפ מייקערס, — מאקס זאריטסקי און מאקס צוקערמאן.

פון די אינטערנעשאנאל פאקעטבוק ווארקערס, — אסיפ וואלינסקי.

ארום הונדערט אפליקאנטען האבען זיך שוין געמעלדעט, און די איבעריגע וועלען מסתמא אויך באלד קומען. אפליקאנטען זאלען זיך ווענדען צו ברודער פיליפ קאפלאוויטש, אין דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק, 21טע סט. און 5טע עוועניו. זיי וועלען דארטען אויך קענען באקומען אלע נויטיגע אינפארמאציע אין באצוג דער אונטערנעהמונג.

די נייעס וועגען דער גרויסער אונטערנעהמונג איז אומעדום אויפגענומען געווארען מיט פרייד. עס ווערט אויך ווארים באגריסט פון דער ענגלישער פרעסע. מיר וועלען א צווייטען מאל איבערגעבען וואס די גרויסע צייטונגען זאגען וועגען דער אונטערנעהמונג. מאנכע פון זיי לויבען שטארק אונזער אינטערנעשאנאל, פאר האבען דאס מוט אימער אונטערצונעהמען נייע זאכען, וואס צייגען א ביישפיל פאר אנדערע ארגאניזאציעס.

דער רעקארד און פובליקיישאן דעפארטמענט

א. ל. ג. וו. יוניאן

פאדערט אויף אלע סעקרעטערע פון די אפיליאירטע לאקאלס אריינצושיקען יעדען מאנאט בעפאר דעם 15טען

1. אלע „דיי בוק" בלעטער וואו זיי שרייבען איין די איינאהמע פון אונזערע מעמבערס.
2. די ספעציעל צוגעגרייטע אינדעקס קארדס פאר יעדען נייעם טראנספערירטען אדער צוריק-אריינגענומענעם מעמבער.
3. א רעפארט מיט אלע איינצעלהייטען וועגען יעדען מיטגליד וואס איז דורך דעם מאנאט געשטראפען געווארען.
4. די נייע אדרעסען וועלכע מעמבערס גיבען אן ווען זיי בייטען זייערע וואוינונגען.

לויט אונזער קאנסטיטושאן קען א לאקאל באשטראפט ווערען פאר פארנאכלעסיגען צוצושטעלען די אויבען-דערמאנטע אינפארמאציע. מיר בעטען דעריבער די באאמטע פון אונזערע יוניאנס צו זיין אבסאלוט פינקטליך.

מיט ברידערליכען גרוס,

H. SCHOOLMAN, Director

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לאדיס גארמענט ווארקערס יוניאן. פון דר. לואיס לעווין. און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

טעמיר־אקסאך־כאן

(אוים דעם רוסישען)

פון אהרן בונין.

— א־א־א, טעמיר־אקסאך־כאן! — ליארעמט ווילד א וויברירענדיגע, פול מיט יאוש און ליידענשאפט, בענקענדיגע שטים אין דער קליינער דארפישער קנייפע.

די נאכט פון פריהלינג איז פייכט און פינסטער, די שווארצע וואנד פון אפגעהאקטע פעלזען־שפאלטען זעהט זיך קוים אן. נעבען דער קנייפע, וואס איז ווי צוגעקלעפט צו א פעלז, אויפ׳ן ווייסען שטויב פונ׳ם שאסיי־וועג שטעהט אן אפגעער אויטאמאביל, און פון זיינע אוי־גען, בלענקענדיגע און שרעקליכע, ציען זיך פאראוי אין דעם חושך אריין צוויי לאנגע פאסען העלער רויך. פון דער־ווייטען, פון אונטען ארויף, דערטראגט זיך דאס רוישען פון ים, וואס מען זעהט איהם נישט; פון אלע זייטען, פון חוש דאר־וים, בלאזט א נאסער, אומרו־איגער ווינט.

אין קנייפע איז שטארק אנגערויכערט. זי איז שוואך באלויכטען מיט דער שיין פון א בלייכען לעמפעל, וואס הענגט אין דער הויך און איז אנגע־הייצט מיט א בארג פייערדיגע קוילען, וואס גליען רויט אין דעם ברענענדיגען ווינקעל־אויווען. דער ארעמאן, וואס האט זיין ליעד וועגען טעמיר־אקסאך־כאן גלייך אנגעהויבען מיט א גרילצענד־היזעריגע שטימע, גלייך צו א ווייאוים־געשריי, זיצט אויף דער ערדענער פאר־לאנג. א מין הונדערט־יאהריגע כאלפע, אנגעטאן אין א שאפען־פעלצעל, אין א האריג היטעל, וואס איז שוין אפגעקראכען און אבגעבליאקעוועט פון פיעל רע־גענס און זון. אויף די קני ביים ארע־מאן ליגט א פשוט׳ע, הילצערנע ליירע. ער זיצט איינגעבויגען — זיין פנים איז ניט צו זעהן, און נאר ברוינע אויגען זעהט מען סטארטשען פון אונטער זיין היטעל ארויס. פון צייט צו צייט רייסט ער פון די סטרונעס ארויס שארפע, שרייענדיגע קלאנגען און ליארעמט דער־ביי מיט אן אונערטרעגליכער נעוואלדיגען צער.

נעבען אויווען, אויף א היילצערנעם בענקעל, זיצט דער בעל־הבית פון דער קנייפע, א ווייבלעך־דיקער, חנ׳עוודיגער טאטער. ער האט לכתחילה געקנאקט יאדערען, און בשעת־מעשה געשמייכעלט, אט שפאטיש פון אויבען ארויף, און אט מילד און עטוואס טרויעריג. שפעטער איז ער ווי פארגליווערט געווארען — מיט אויפגעהויבענע ברעמען און מיט א שמייכעל, וואס האט אויסגעדריקט ליי־דען און פארוואונדערונג צוזאמען.

אויף א באנק נעבען פענסטער האט גערויכערט כאדזשי, א הויכער, א דא־רער, מיט א גרויער בארד, אין א ווייסען כאלאט און א ווייסער טשאלמע, וואס האט וואונדערבאר אונטערגעשטרא־כען די ברוינע האיט פון זיין שטרענגען, געשטופעלטען פנים. איצט האט ער שוין אן זיין פיפקע פארגעסען, דער קאפ איז ביי איהם צו דער וואנט פארוואר־פען, די אויגען האלט ער פארמאכט; איין פוס זיינע, אין א געשטרייפטען וואר־לענעם זאק, שטייט א פארבויגענע אויף דער באנק, די צווייטע — אין א שטעק־שוך, — הענגט פון איהר אראפ.

און נעבען כאדזשין, ביי א טישעל, זיצען די פאדבייפאהרענדיגע געסט, וואס פלוצים האט זיך זייער פארוואלט אפשטעלען דעם אויטאמאביל און אויס־טרינקען א גלעזעל שלעכטע קאווע אין דער קליינער דארפישער קנייפע. זיי זיינען צוויי: ער, א גרויסער, הויכער מאן אין א הארטען קאפעליוש און אין אן ענגלישען רעגען־מאנטעל; זי — א יונגע, שיינע פרוי, אן אויפגעלעג־טע בלאסע און אויפמערקזאמע. די פארב פון איהר פנים איז צארט, ווי די פארב פון א בליענדיגע עפעל־בוים, אבער זי איז א הרום־איינוואוינערין, פארשטיים זי טאטעריש, פארשטיים די ווערטער פונ׳ם ליד א־א־א, טעמיר־אק־סאך־כאן!

זינט די וועלט שטעהט איז נים גע־ווען אזא באריהמטער, אזא מעכטיגער כאן, ווי טעמיר־אקסאך־כאן. אויף דער גאנצער ערד האבען אלע און אלע פאר איהם געציטערט, און די שעהנסטע פרוי־ען און מיידלאך אויף דער וועלט זיינען געוועזען גרייט צו שטארבען פאר׳ן גליק — כאטש איין רגע צו זיין א שקלאפין ביי איהם. נאר פאר׳ן טויט איז טעמיר־אקסאך־כאן געזעסען אין שטויב אויף די מארק־שטיינער, געקושט די צוריסענע, צופליקטע בגדים פון די פארבייגעהענ־דיגע קאליקעס און ארעמעלייט און אזוי גערעדט צו זיי:

— נעהמט ארויס מיין הארץ, איהר קאליקעס און ארעמע, ווייל שוין נישטא אין איהם מעהר קיין ווילען צו וועלען!

און ווען דער איבערשטער האט זיך לסוף דערבארעמט אויף איהם און זיין נשמה באפרייט פון די נישטיגע ערדישע פארגעניגענס, פון די נישטיגע רוים, זיינען גיך חרוב געווארען אלע מלוכות זיינע, וויסט און פוסט זיינען געווארען די פלאצען און די שטעדט, און די חורבות זייערע האט א זאמדיגער שטויב פארשאטען אונטער דעם אייביג־בלויען, ווי א קאסטבארע גלאז, הימעל, אונטער דער אייביג־פלאקענדיגער, ווי דער פלאם פון גהינום, זון... א־א־א, טעמיר־אקסאך־כאן! וואו זיינען די טעג און מעשים דיינע? וואו זיינען די שלאכטען, די נצחונות? וואו זיינען די יונגע אויפריכטיגע, צארטע, וואס האבען דיך געליעבט, וואו זיינען די אויגען, וואס האבען ווי זונען שווארצע געשטראלט און געלויכטען אויפ׳ן געלעגער ביי דיר?

אלע שווייגען, אלעמען האט דאס ליד באצויגען.

דער גאסט קוקט אויפמערקזאם אויפ׳ן טיש און רויכערט היים זיין ציג־גאר. די דאמע זיינע האט ברייט צו־עפענט די אויגען, און טרערען האבען גענומען רינען איבער איהרע באקען.

אין עטליכע מינוט ארום נעהען זיי ביידע ארויס אויף דער שוועל פון דער קנייפע. דער ארעמאן האט זיין ליעד גענדיגט, און איצט קייט ער, בייסט אפ שטיקלעך פונ׳ם הארטען פלעצעל, וואס דער באלעבאס האט איהם דער־לאנגט. נאר עס דאכט זיך, אז דאס ליד קלינגט נאך אלץ, אז זי ציהט זיך, ציהט זיך, נאר אהן אן עק און אהן א סוף.

די פרוי האט פאר׳ן אוועקגעהן אריינ־גערוקט א גאלדענע מטבע דעם ארעמאן, — אבער זי טראכט אומרואיג, אז דאס איז ווייניג, און עס גלוסט זיך איהר אומקעהרען צוריק און געבען איהם נאך איינע, גייען, נאך צווי, נאך דריי מטבעות, אדער נאר אלעמען אין די אוי־גען א קוש טאן זיין פארהארעוועטע, איינגעשרומפענע האנד. איהרע אויגען ברענען נאך פון די טרערען, אבער ביי איהר איז א געפיהל, אז קיינמאל אין לעבען איז זי נישט געוועזען אזוי גליקליך, ווי אין דער מינוט, נאך דער ליעד וועגען דעם, אז אלץ איז הבל־הבלים, אלץ איז לויטער צער אונטער דער זון. און קיינ־מאל, קיינמאל, דאכט זיך איהר, איז איהר נישט געווען אזוי גוט, ווי איצטער, אין דער פייכטער פינסטערער נאכט מיט׳ן רוישען פון ים, וואס מען זעהט איהם נישט, מיט׳ן רידען פון פריהלינג־רעגען און נאסער בוים־קארע, מיט׳ן צא־פעלדיגען, ביז די נשמה־טיפעניישען אריינדרינגענדיגען ווינט.

דער שאפער, וואס איז ענגליך צו א חיה, אין זיין פונקט ווי אויף דער לינ־קער זייט איבערגעקערטען פעלץ, איז די גאנצע צייט האלב־געלעגען אין אויטא־מאביל. איצט שפרינגט ער פון איהם האסטיג ארויס, בויגט זיך אן צו דער שיין פון די לאמטערנעס, טוט דארט עפעס — און די מאשין לעבט פלוצלינג אויף, הויבט אן פון אונגעדולד הודזשען און ציטערען. דער מאן העלפט דער פרוי אריינגעהן, זעצט זיך נעבען איהר און דעקט איין איהרע קני מיט׳ן פלעד. זי דאנקט איהם צושטרייט... דער אוי־טאמאביל פליט מיט׳ן שאסיי בארג־אראפ, שפרינגט־ארויף אויף א צווייטען בארג, שפארט זיך אן מיט די ליכטיגע פאסען אין עפעס א בוימעל און פליהט־אראפ אין חושך... אין דער הויך, איבער די בערג, וואס מען זעהט זיי קוים אן, פינקלען שטערען אין די שיטערע וואל־קענס. ווייט פאראויס זעהט זיך שוין דער צופלוס פון א ווייסען פאס ים, ווייך און שטארק פאטשט אין פנים אריין דער ווינט...

— א, טעמיר־אקסאך־כאן! — האט געקלונגען ווייטער דאס ליד. — אויף דער גאנצער גרויסער, ברייטער וועלט איז נים געווען קיין מעהר דרייסטערער, מעהר גליקליכער, מעהר באריהמטער פון דיר, דו, ברוין־הויטיגער, מיט אויגען, ווי פלאמען, — ליכטיגער און שלוה׳דיגער ווי גבריאל המלאך, קלוגער און פרעכטי־גער, ווי שלמה המלך! געלער און גרי־נער ווי גן־עדן־גראז איז געווען דער זייט־ציג פון דיין טורבאן, און מיט א זיבען־קאלירנדיגען שטערן־פייער האט שעמע־רירט דער דימענטענער פעדער דיינער. פאר׳ן גליק פון צוזירען זיך צו דער טונ־קעלער שנאלער האנד דיינער זיינען גע־ווען גרייט צו שטארבען די שעהנסטע אויף דער וועלט בת־מלכות און שקלא־פינס. נאר ביז׳ן סוף האסטו אויסגע־טרונקען דעם כוס פון עולם־הזה־פארגע־ניגענס, און שפעטער ביזטו, טעמיר־אק־סאך־כאן, אין שטויב, אויפ׳ן מארק גע־זעסען, אנגעכאפט, געקושט די צוריסענע שמאטעס פון פארבייגעהענדיגע קאלי־קעס, און זיך געבעטען רחמים ביי זיי:

— נעהמט ארויס מיין פיינליך ליי־דענדיג הארץ, איהר קאליקעס!

און פארביי זיין פארגעסענעם קבר זיינען יאהרהונדערטער דורכגעגאנגען, און די חורבות פון דיינע פאלאצען אונ־טער דעם אייביג־בלויען הימעל, אונטער דער אומברחמנות׳דיגער, פריידיגער זון, האבען — זאמדען פארשאטען. א וויל־דער דארן האט זיך צוזואקסען צווישען די רואינען פון דיין העל־בלויער פאר־צעלאן־מצבה, כדי מיט יעדען נייעם פריהלינג זאלען זיך אויפסניי און אויפס־ניי מאטערען אויף איהר די הערצער און נאכטיגאלען, וואס ווערען שיער נישט צוריסען פון די פיינליך־פריידיגע לי־דער, פון דעם אומבאגרייפליכען נאגענ־דיגען גליק... א־א־א, טעמיר־אקסאך־כאן! וואו איז זי, די ביטערע קלוג־שאפט דיינע? וואו האבען זיך אהינ־געטאן די ליידען פון דיין הארץ, וואס האט מיט טרערען און גאל אויסגעשפיגען דעם זיסען האניק פון אלע ערדישע תענוגים?

די בערג זיינען אפגעטראטען, נישט געבליבען. פארביי דעם ברייטען וועג שוימט שוין דער ים מיט רעש און פריי־שען וואסער־ריח און די כוואליעס זיינע קלאפען זיך אן ברעג. ווייט פאראויס, אין א פינסטערען טאל, זיינען רויטע און ווייסע פייערלאך צוזווארפען, שיינט א ראזער בראנד פון דער שטאט, און די נאכט, וואס איבער דער שטאדט און דעם ים, איז ווייך און שווארץ, ווי סאמעט.

דזשוינט באארד עפענט צו־ריק דעם דיוס דעפארטמענט.

(שלוס פון זייט 1)

מענט פון דזש. באארד קאנען צאלען דיוס די מיטגלידער פון אלע לאקאלס, וואס שטעהען צונויף דעם דזשוינט באארד. און אזוי ווי אין דער דזשוינט באארד בילדינג קומען זיך צונויף מיטגלידער פון די אלע לאקאלס, איז עס פאר מאנ־כע פון זיי א סך באקוועמער דארט צו באצאהלען די דיוס, איידער געהן אין זייערע לאקאל אפיס באזונדער, און די גרויסע צאהל מיטגלידער קומט אוים אפ־טער צו זיין אין דעם דזשוינט באארד בילדינג, ווי אין אפיס פון זייער לאקאל. איז עס פאר זיי א סך באקווע־מער דארטען צו באצאהלען די דיוס.

דאס איז וואס אנבאלאנגט די איינ־צעלנע מיטגלידער, וואס קומען באצאה־לען דיוס בלויז פאר זיך אליין. פאר די שאפ־טשערליים איז עס נאך געוועזען ער־גער.

אין א סך שעפער נעהמט דער שאפ־טשערמאן צונויף די ביכלאך פון אלע ארבייטער, וואס זיינען דארט באשעפ־טיגט, זיי גיבען איהם געלט פאר די דיוס־סטעמפס און ער באצאהלט אין אפיס פון דער יוניאן פאר זיי אלעמען מיט אמאל. און דאך, פארשטעהט זיך, פאר׳ן שאפ־טשערמאן א סך באקוועמער, ווען ער קאן אין איין אפיס באצאהלען די דיוס פון אלע ארבייטער, און ער זאל נים דאר־פען געהן מיט די ביכלאך פון די אפער־רייטארס אין אפיס פון לאקאל 2, מיט די ביכלאך פון די פרעסער אין אפיס פון לאקאל 35 און אזוי ווייטער.

אגב האט מען זיך ארומגעזעהן, דאס אט־די רעפארם האט זיך בכלל נים איינ־געגעבען. — עס האט גאנץ ווייניג גע־האלפען דעם הויפט־צוועק, נעמליך: איינצושפארען געלט. ווארים טאמער האט דער דזשוינט באארד געשפארט די ווידזשעס פון א פאר דיוס קלוירקס, האבען די באזונדערע לאקאלס געדארפט פארגרעסערען דעם אפיס סטעף צו אטענ־דען צו די דיוס־צאהלער, און אזוי ווי דאס איז דאך פאקטיש א י י ן יו־ניאן, טא וואס איז די נפקא מינה, ווער עס צאהלט די דיוס־קלוירקס ווידזשעס? עס געהט דאך אלץ פון דער זעלביגער קעשענע.

דעריבער איז דער דיוס־דעפארט־מענט אין דעם דזשוינט באארד ביל־דינג צוריק געעפענט געווארען פאר דער באקוועמליכקייט פון די מיטגלידער און פון די שאפ־טשערליים ספעציעל. די מיטגלידער פון אלע דזשוינט באארד לא־קאלס, אזוי גוט ווי די שאפ־טשערליים פון די קלאוק און דרעס שעפער, קאנען, אלזא, ווידער צאהלען דיוס און באקומען די דיוס־סטעמפס אין דער דזשוינט באארד בילדינג, 130 איסט 25טע סט. קארנער לעקסינגטאן עוועניו.

גאנצער דרעס טרייד מאמענטאן אפגעשטעלט

(שלוס פון זייט 1)

די אגרימענטס אויף אלערליי וועגען. ווען די יוניאן האט פון זיי געפאדערט פליינע דבורים, אהין צי אהער, יא פאלגען די אגרימענטס אדער נים, האבען זיי געגע־בען אלערליי תירוצים און האבען געוואלט פארציהען די געשיכטע אין דער לאנגער באנק אריין, און דערווייל זאל דער סיזאן אראפגעהן.

ענדליך האט די יוניאן באשלאסען צו רופען די דזשאבערס צו פאראנטווארט־ליכקייט. נאך א בעראטונג צווישען פרע־זידענט זיגמאן, מענעדזשער פיינבערג, וואנדער, ברעסלאו, דובינסקי און די אנ־דערע טרייד מענעדזשערס, איז באשלאסען געווארען גלייך צו סטאפען די אר־ביים, אום איינצושטעלען א קאנטראל און צווינגען די דזשאבערס צו פאלגען זייערע אגרימענטס. מענעדזשער פיינבערג האט דאן ארויסגעשיקט טעלעגראמעס צו אלע שאפ טשערליים.

די דעמאנסטראציע אין וועבסטער האל.

דער שאפ טשערמאן מיטינג אין וועבסטער האל דינסטאג ביטאג איז גע־ווען א מערקווירדיגע פארזאמלונג. עס איז געווען א וואונדערבארע דעמאנסטרא־ציע פון ארבייטער סאלידאריטעט און קלאסען באוואוסט זיין! דער גרויסער האל איז אזוי געפאקט געווען, דאס עס איז נים געווען גענוג פלאץ אפילו צו שטעהן, און אט די גרויסע מאסע טשער־ליים, מענער און פרויען, די פארטרעטער פון דער יוניאן אין שאפ, האבען מיט גרויס נייגעריגקייט זיך צוגעהערט צו יע־דען ווארט, וואס איז ארויסגעזאגט גע־ווארען פון פרעזידענט זיגמאן און וויים־פרעזידענט פיינבערג, ערקלערענדיג די לאגע אין טרייד.

פרעזידענט זיגמאן האט אין זיין רעדע קלאר געמאכט, אז די דזשאבערס און נים קיין אנדערע זיינען פאראנטווארטליך פאר די פרייזען. ער האט ערקלערט, אז די יוניאן ווייס, ווי אזוי די דזשאבערס דריקען ארונטער די געשטעלטע פרייזען. זיי האלטען אן וויפיל קאנטראקטארס זיי קאנען נאר, און איין קאנטראקטאר רייסט די ארבייט פון צווייטען פון אונטער די הענט. טרעפט זיך, אז א קאנטראקטאר האט א שאפ, וואו די ארבייטער פארבוי־גען די יוניאן געזעצען און קאנדישאנס, קאן ער מאכען די ארבייט ביליגער ווי א קאנטראקטאר, וועמעס ארבייטער זיי־נען גוטע יוניאן מעמבערס, איינער און באוואוסטזיניג. דער ביליגער קאנטראק־טאר כאפט דאן אוים די ארבייט פון דעם גוטען יוניאן שאפ. דאס וועט די יוניאן מעהר נים דערלאזען — האט ער געזאגט. די דזשאבערס וועלען מוזען צאהלען אלע קאנטראקטארס גלייך די געשטעלטע יו־ניאן פרייזען פאר ארבייט.

וויים־פרעזידענט פיינבערג האט ער־קלערט, פארוואס דיזער אויסערגעוועהנ־ליכער מיטעל איז אנגענומען געווארען געגען די דזשאבערס. ער האט געזאגט, אז די דזשאבערס האבען געדענקט, אז זיי מעגען אונטערשרייבען אלערליי אגרי־מענטס, ווייל אלץ איינס וועלען זיי דער־נאך קאנען זיך מאכען נים וויסענדיג און אויספיהרען זייערס דורך דער האלז־שניידענדער קאנקורענץ פון זייערע קאנ־טראקטארס. אבער דעם מאל וועט עס זיי גלאט נים אראפגעהן. די יוניאן איז גרייט צו פארהאנדלען וועגען פארשיידע־נע איינצעלהייטען פון די „סקעדזשולס", האט פיינבערג געזאגט, אבער פריהער מו־זען די דזשאבערס פאלגען די אגרימענטס און צאהלען די פרייזען, צו וועלכע זיי האבען צוגעשטימט.

א קאנפערענץ אין טרייד — מיטוואך ביטאג.

אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, מיטוואך אין דער פריה, דארף זיך עפענען א קאנפערענץ אין האטעל מעקאלפין, צווישען דער יוניאן און די דזשאבערס אססאסיאיישאן און די קאנט־ראקטארס אססאסיאיישאן. אויף דעם קאנפערענץ וועט מעגליך קומען צו א סע־טעלמענט, און די ארבייטער וועלען בא־קומען אן ארדער צוריק אנפאנגען ארביי־טען. ווארים אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, האט זיך נאך גאר נים געענדערט. די דרעסמאכער זיצען אין די שעפער, אבער מען ארביים נים, די מאשינען דרייען זיך נים.

אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, קומט אויך פאר א צווייטער שאפ טשערמאן מיטינג אין וועבסטער האל, אויף וועלכען די טשערליים וועלען באקומען די לעצטע נייעס אין דער סיטו־אציע, זיי זאלען וויסען גענוי ווי צו האנד־לען.

אלזא, אונזערע דרעסמאכער האבען ווידער אמאל באוויזען, אז זיי ווייסען, וואס ארבייטער איינינקייט מיינט, און דאס זיי וועלען זעהן ווייטער זייער ארגא־ניזאציע צו מאכען שטארקער און מעכ־טיגער.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

אן ענטפער צו ל. הייםאן.

1.

ווערטער רעדאקטאר!

מיט גרויס אויפמערקזאמקייט האב איך איבערגעלייענט דעם ארטיקעל פון אונזער מענעדזשער ל. הייםאן, וועלכער איז ערשינען דעם 6טען מארטש און האב באשלאסען צו שרייבען א פאר ווערטער, כאטש, ווי איהר ווייסט, שרייב איך זעהר זעלטען. באזונדערס האב איך גאנץ ווייניג חשק צו פאלעמיזירען מיט איינעם, וועלכער טוט אלעס אויף אן אומפאראנטווארטליכען און דעמאגאגישען וועג. נאר דער לעצטער ארטיקעל מוז געענטפערט ווערען.

לאמיר נעמען די פראגע וועגען דיוס. הייםאן זאגט אין דעם ארטיקעל, דאס דער לאקאל האט צוריקגעוויזען די 50 סענט און האט אפעלירט צו דער אינטערנעשאנאל. פרעג איך: פארוואס האט איהר צוריקגעוויזען דעם רעיז אין דיוס, ניט דערפאר ווייל דאס איז געווען בעפאר עלעקשאנס אין דעם לאקאל און איהר האט געוואלט זיין דערוועהלט? און איצט, אז איהר זייט ערוועהלט געווארען מיט אזא גרויסער מעהרהייט אויף דער פלאטפארמע פון ניט רעיזען די דיוס, קומט איהר מיט דעם בלאף, אז מענשען לאזען אייך ניט דורכפיהרען דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד צו רעיזען די דיוס. איז דאס ניט די שענדליכסטע דעמאגאגיע? קענט איהר אונז ניט פארטרויען א סוד, ווען און וואו האט די עקז. באארד און איהר, אלס מענעדזשער פון לאקאל, געזאגט, אז מען דארף רעיזען די דיוס?

איהר אליין ביים לעצטען מיטינג פון לאקאל, נאך דעם פינאנס רעפארט, האט ערקלערט: „מיר קענען דורכקומען מיט די 35 סענט". א פאקט האט איהר געגעבען אז עס איז געבליבען 7 טויזענט דאלאר סורפלוס. נאר וואס? מיר מוזען רעיזען די דיוס ווייל מען צווינגט אונז. דאס האט איהר געזאגט ביים מיטינג. נאר ביי די מיטינגען פון דער עקזעקוטיווע און אין דער „גערעכטיגקייט" זאגט איהר עטוואס אנדערש. איהר זאגט, אז מען לאזט אייך ניט דורכפיהרען דעם רעיז. דאס איז א שטיק דעמאגאגיע, וועלכע קען ניט טאלערירט ווערען און איהר מוזט איין מאל פאר אלע מאל פארשטעהן, אז די ארבייטער וועלען עס ניט לאנג ליידען. ווען זאגט איהר דעם אמת, צי דאן ווען איהר ערקלערט, אז די עקספענסעס פון מעמבערס באטרעפען 52 סענט, פאלגליך מוז די דיוס גערעיזט ווערען, צי דאן, ווען איהר זאגט, אז מען דארף די דיוס ניט רעיזען?

און פארוואס וויל די עקז. באארד ניט ארויסקומען מיט קלארע דיבורים, צי מען דארף רעיזען די דיוס, צי ניט? צי ווילט איהר אז די מעמבערס, וועלכע ווייסען ניט וואס עס טוט זיך אין די פינאנסען פון לאקאל זאלען אליין געבען מעהר, כאטש איהר פארלאנגט עס ניט? אן עקז. באארד מיט דעם מענעדזשער דארפען אלס פאראנטווארטליכע מענשען קומען צו די מעמבערס און זאגען, וואס דער אמת איז. דאס אבער האט איהר ניט געטאן און שרייבען שרייבט איהר, דאס מען לאזט אייך ניט רעיזען די דיוס. אבער, נאך אלעמען, ווי נאריש איהר מאכט זיך מיט אייער גאנצער דעמאגאגיע. דענקט איהר, דאס די מענשען, וועלכע לעזען די „גערעכטיגקייט" קומען ניט צו די מיטינגען? איהר מאכט א גרויסען מיסטייק. זיי קומען און וועלען קומען פאדערען פון אייך א קלארען ענטפער.

איהר שרייבט, דאס מען האט זיך ארגאניזירט אייך צו באקעמפען, כאטש איהר ווייסט גאנץ גוט, אז דאס איז ניט נויטיג. די מעמבערס פון אונזער לאקאל פיהלען שוין וואס איהר האט געטאן פאר אונז, די ערגסט באצאהלטע און באהאנדעלטע ארבייטער אין די שעפער. איהר טוט נאך נישט צו פארלייכטערן אונזערע ליידען, נאר איהר קריגט זיך ארום מיט די אנדערע לאקאלס און שרייט: רעוואלוציע! און אז מען לאזט אייך נארנישט טאן. ניין, אייך צו באקעמפען דארף מען זיך ניט ארגאניזירען. די מעמבערס קומען פשוט און פאדערען א רעכענונג פון דעם וואס איהר האט געטאן און וואס איהר וועט טאן.

אבער טאן וועט איהר גארנישט, ווייל איהר זייט מעהר פאראינטערעסירט אין פאליטיקס ווי אין דער פראגע פון מאכען א לעבען פאר די ארבייטער אין די שעפער. קענען טאן עפעס קענט איהר ניט, ווייל איהר זייט אומפעהיג עטוואס צו טאן. צו וואס איהר ריהרט זיך צו, נעהמט אלץ קאפויר. טא זאגט אונז, ברודער הייםאן, ביז וואנען וועט איהר ריידען אין איין פלאץ אנדערש ווי אין דער „גערעכטיגקייט" און ווי לאנג רעדט איהר, אז איהר וועט קענען פארדרעהען די מעמבער די קעפ מיט אייערע דעמאגאגישע שטיק און טריקס? עס איז שוין געקומען די צייט, דאס איהר זאלט זיין אזוי גוט און געבען די מעמבערס א קלארען ענטפער וועגען אלע אונזערע ליידען פאר וועלכע איהר זייט זעהר שטארק פאראנטווארטליך.

מיט גרוס,
נ. קוירצמאן.
לאקאל 9, לעדזש. נומ. 1024.

2

ווערטער רעדאקטאר:

איבערלעזענדיג דער ארטיקעל אין דער „גערעכטיגקייט" דיזען פרייטאג, דעם 6טען מארטש, פון ברודער הייםאן, וויל איך איהם שטעלען א פאר פראגען:

איהר ריהרט אן א פראגע פון א „וואך טרייעל", וואס די באלעבאטים נוצען אויס געגען די פינישערס. אפהאלטענדיג זיי א וואך און באצאהלענדיג די סקייל, הייסט מען זיי מעהר ניט קומען צו דער ארבייט. איז ווי אומגערעכט די האנדלונג זאל ניט זיין פון די באלעבאטים, איז איצט ניט די צייט צו מאכען דערפון אן „אישו", ווייל מיט דער אויסנאם פון א פאר געצעהלטע פינישערס זיצען אלע אין די שעפער שוין מיט געסעטעלטע פרייזען. איך זאג דאס, ווייל איך ווייס פון פילע שעפער, וואס נויטיגען זיך אין פינישערס און קענען נישט קריגען. אויב דאס איז דער פאל, האט בר. הייםאן זיך פארנומען מיט אן אומוויכטיגער פראבלעם אין דעם איצטיגען מאמענט און האט אויסגעלאזען א זעהר וויכטיגע פראבלעם. ווארום האט בר. הייםאן זיך ניט פארטראכט אויף א מינוט וועגען דער לאגע פון די טויזענטער פינישערס, וואס זיצען אין די שעפער און מאכען נישט גענוג אויף א לעבען, זאגאר דאן ווען זיי ארבייטען, שוין אפגערעדט ווען מען סטאפט 14 וואכען ווייל די ווידזשעס זיינען זעהר קליינע פאר דער גרעסטער צאהל פינישערס?

איך דענק, אז די לעצטע צוויי סיזאנס זיינען געווען נישט קיין שלעכטע און דער מענעדזשער האט געהאט גוטע משאנסען ארויסצוקריגען וועלכע עס איז פארבעסערונגען פאר די פינישערס, פונקט ווי ברודער רובינסקי, דער מענעדזשער פון קאטערס לאקאל האט ביי א גינסטיגע געלעגענהייט אויסגעפיהרט צו קריגען א רעיז פון 5 דאלאר אויפ'ן וואך פאר אלע קאטערס.

דאס וואלט געגעבען א מעגליכקייט בר. הייםאנ'ען צו באריהמען זיך, אז ער האט כאטש איין גוטע זאך געטאן פאר די פינישערס, פאר די 4 יאהר צייט, זינט ער איז מענעדזשער.

איצט, צו דער פראגע פון רעיזען די דיוס, פון 35 סענט אויף 50 סענט: דענקט ווירקליך בר. הייםאן, אז די פינישערס פארשטעהען ניט דעם „טריק"? בעפאר די וואהלען פאר מענעדזשער אין עקזעקוטיוו באארד איז הייםאן מיט אלע זיינע כוחות ארויסגעטראטען געגען א רעיז. טא ווי קומט עס, וואס איצט, אזוי שנעל ווי ער איז ווידער ערוועהלט געווארען אלס מענעדזשער, שרייט ער קאראַאול אין דער „גערעכטיגקייט", דאס ער וויל, אז די דיוס זאל גערעיזט ווערען, נאר עס זיינען דא עטליכע רשעים, וואס לאזען איהם ניט?

האט דען הייםאן ניט געוואוסט דעם צושטאנד פון דער יוניאנ'ס פינאנסען בעפאר ער איז ערוועהלט געווארען?... דאס ציינט אז הייםאן האט מעהר ניט געוואלט ווי ערוועהלט ווערען אויף נאך א טערמין און יעצט לאכט ער זיך אויס פון די מאסען פינישערס.

א גוטער באוויז, אז ער לאכט און שפאט פון די טויזענטער פינישערס איז, אז אין דיזען ארטיקעל פון וועלכען איך רעד, מאכט בר. הייםאן אן אטאקע אויף א פאר איינצעלנע פינישערס, אז זיי האבען זיך ארגאניזירט און דערלאזען נישט קיין רעיז אין דיוס, וואס דאס מיינט, אז בלויז די פאר ווילען ניט, אבער די גאנצע מעמבערשיפ בעט זיך, מען זאל זעהן רעיזען די דיוס וואס שנעלער. דאס איז חוזק צו מאכען אזא סטייטמענט. קומט צו די סעקשאנס וועט איהר הערען, ווי אלע שרייען אין איין קול, אז זיי ווילען ניט געבען קיין רעיז און האבען ניט פון וואס צו געבען קיין רעיז אין דיוס. דאס זעלבע הערט מען אויך אין שאפ טויזענטער מאל א טאג.

ניין, ניט אמת, אז די פאר ווילען ניט דערלאזען צו קיין רעיז אין דיוס, און איך גלויב קוים, אויב עס איז פאראן איין קלאסענבאוואוסטזיניגער פינישער וואס וועט זיך אנטזאגען צ געבען א רעיז אין דיוס, דאן ווען ער'וועט זיין איבערצייגט, אז די יוניאן נויטיגט זיך אין דעם.

און איך פרעג: ווארום האט נאך ביז היינט די עקזעקוטיוו ניט געבראכט קיין שום רעקאמענדאציעס צו די מעמבערס וועגען יא א רעיז אדער ניט א רעיז? און אויב די עקזעקוטיוו דענקט ניט צו ברענגען צו די מעמבערס אזא רעקאמענדאציע, טו ווארום ריידען זיי צו די סעקשאנס וועגען רעיזען דיוס? און ווארום האט בר. הייםאן פלוצלינג אויפגעהערט נעמען דיוס אויף 35 סענט א סטעמפ? ווער האט איהם דאס רעכט געגעבען? מיט וועמען האט ער זיך וועגען דעם בעראטען?

מיין עצה צו בר. הייםאן איז — אויפצוהערען מאכען בלבולים אויף אנדערע, און זאל ער בעסער אליין האנדלען מעהר פאראנטווארטליך צום פינישער און אויך טרייען פארבעסערען זיין לאגע אין שאפ, אין וואס דער פינישער נויטיגט זיך אזוי שטארק.

מיט ברודערליכען גרוס,
דזשאַ פארטנאי.
לאקאל 9, לעדזשער נומ. 8829.

אינטערנאציאנאלע ארבייטער נייעס

דייטשלאנד.

דא זיינען פאראן א סך ארבייטסלאזע צווישען די באנק־אנגעשטעלטע. מען צעהלט איצט אומגעפעהר 300,000 אזעלכע אנגעשטעלטע, וואס האבען פריהער זעהר לייכט זיך געפונען באשעפטיגונג ביי פארשיידענע ארבייטען אין די באנקען.

אירלאנד.

דא קלייבט מען זיך דורכצופיהרען א בוי־פראגראם. אין דעם גאנצען פרייען שטאאט זיינען איצט פאראן גוטע אויסזיכטען, אז מען וועט באלד ווידער אויפנעמען די בוי־ארבייט. דאס וועט סטימולירט ווערען פון דעם נייעם „האוזינג ביל", וואס די רעגירונג האט דורכגעפיהרט לעצטען נאוועמבער. לויט דעם ביל ווערט אסיגנירט 300,000 פונט סטערלינג פאר דער אויסבויאונג פון ארבייטער־היימען.

אין די פארשטעדט פון דער הויפטשטאדט דאבלין וועט מען אויסבויען 3,000 ארבייטער־היימען. די הייזער, וואס זיינען באשעדיגט געווארען אין פארלויף פון די אומרוהען פון 1922 און 1923, וועט מען פאררעכטען, אדער אויסבויען נייע אויף זייער ארט.

לאטוויא.

לויט די לעצטע בעריכטען, זיינען דא פאראן מאסען ארבייטסלאזע. עס איז דערביי אינטערעסאנט דער פאקט, אז בעת מען האט לעצטענס אנגעהויבען פארשיידענע ארבייטען ביי פאררעכטען די וועגען און עהנליכע ארבייטען, כדי צו געבען די ארבייטסלאזע באשעפטיגונג, האבען די מענער ניט גערן אנגענומען ארבייט אויף דעם פרייז פון 120 מארק א טאג, אבער די פרויען האבען איינגעוויליגט צו ארבייטען פאר 100 מארק א טאג, און אזוי פיל פרויען פון די רעגיסטרירטע ארבייטסלאזע האבען זיך געמאלדען, אז מען האט פאר זיי אלעמען ניט געפונען קיין ארבייט.

מעקסיקא.

די קאלאניזאציע פון דער סעקטע מענאניטען פון רוסלאנד פארגרעסערט זיך אין מעקסיקא. לעצטענס זיינען צו דער מענאניטישער קאלאניע צוגעקומען נאך ארום 100 נייע קאלאניסטען.

פון טשיהוואווא ווערט געמעלדעט, אז מען ערווארט דארטען א נייע אויפלעבונג פון דער מינען־טעטיגקייט. מען רעכענט, אז מען וועט זעהן צו באזייטיגען אלע געזעצען, וואס זיינען א שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פון די ארבייטען אין די מינען. מען וועט אויך מעהר אויפמערקזאמקייט שענקען דער מינען־אינדוסטריע בכלל.

שפאניען.

די אפיציעלע ארבייטער־קאמיסיע האט אריינגעגעבען איהר רעקאמענדאציע צו דער רעגירונג, אז הילף זאל געגעבען ווערען פאר דעם אויפבוי פון בילינע הייזער, וואס מען זאל קענען פארדינגען צו ארבייטער אין די הויפטשטעדט פון פראווינצען און אין שטעדט פון מעהר ווי 20,000 איינוואוינער.

שוועדען.

לויט די לעצטע בעריכטען, איז די ארבייטסלאזיגקייט אין שוועדען, וואס איז בכלל ניט זעהר גרויס, ניט פיל פארגרעסערט געווארען. נאר די פארגרעסערונג, וואס איז פארגעקומען, איז געווען גאנץ נארמאל פאר דעם באטרעפענדען סעזאן.

לאקאל סעקרעטערע

מיר האלטען פאר נויטיג אייך אויפמערקזאם צו מאכען דאס די פער־קאפיטא צו דעם דזשאינט באארד און אלערליי אנדערע אסעסמענטס, וועלכע ווערען אויף די לאקאלס ארויפגעלייגט פון צייט צו צייט, ווערט באשטימט לויט די צאהל מיטגלידער וועלכע איהר האלט אויף די ביכער פון דעם רעקארד דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. עס וועט דעריבער זיין אין אייער טובה צו אינפארמירען אויף אן אפיציעלען אופן צו דיזען דעפארטמענט וועגען יעדען מעמבער וועלכען איהר שטרייכט. מעג דאס זיין צוליב דעם, ווייל דער מיטגליד נעמט א טראנספער אדער דערפאר, ווייל ער איז ריקשטעהענד אין דיוס, אדער צוליב אירגענד וועלכע אנדער אורזאך, און דאס וועט פארמיידען פעלע, וואו לאקאלס זאלען דארפען צאהלען פער־קאפיטא און אסעסמענטס פאר מעמבערס, וועלכע זיינען באמת ניט מעהר אין דער ארגאניזאציע. זייט זיכער אונז לאזען וויסען וויפיל וואכען דיוס דער געשטראכענער מעמבער איז אייך געבליבען שולדיג אין דעם טאג, וואס איהר שטרייכט איהם.

ברידערליך אייער

H. A. SCHOOLMAN,

Director Record & Pub. Dept., I. L. G. W. U.

פשוט לעבעריך, ווען זיי דענקען נאר פון קענען ברעכען זייערע אגרימענטס מיט דער יוניאן און זייערע קאנטראק־טארס.

♣

עס איז נאך ניט צו שפעט פאר זיי זיך צו באַרעכענען, און איינזעהן, דאס זיי קריכען פשוט אויף גלייכע ווענט; דאס זיי קענען איצט ניט חרטה האבען; אין דאס אויב זיי זאלען ווירקליך ניט אויספיהרען זייערע אגרימענטס, וועלען זיי פיל ערגער מאכען. אי זיי וועלען צווינגען זייערע ארבייטער צו ערקלע־רען א קאמף געגען זיי, און אי זיי ווע־לען, נאך אלעמען, מוזען ערפילען דעם אגרימענט, אויב זיי זאלען וועלען בלײ־בען די פאקטארס, וואס זיי זיינען, אין דער דרעס־אינדוסטריע. זיי מוזען באַ־רעכענען דאס פאלגענדע. זיי האבען אונטערגעשריבען דעם אגרימענט צוליב צוויי זאכען: ערשטענס, ווייל זיי האַ־בען איינגעזעהן, אז די פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען בעצם זעהר גערעכטע, און דאס פאלגליך וועלען זיי ניט ליידען, ווען זיי וועלען ערפילען די דאזיגע פאַ־דערונגען, און דאס זיי קענען נאך דער־ביי געווינען; און, צווייטענס, האבען זיי אונטערגעשריבען דעם אגרימענט, ווייל זיי האבען טאקע געוואלט אויס־מיידען „טראבעל" מיט דער יוניאן. נון, די ביידע אורזאכען זיינען איצט פונקט אזוי שטארק, ווי פריהער. די באוויליג־טע פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען איצט פונקט אזוי גערעכט און פונקט אזוי עהרענהאפט, ווי פריהער, און זיי האבען ניט פארלארען דאס מינדעסטע פון זייער ווערט דורך דעם, וואס די דזשאבערס האבען זיך פארפליכטעט זיי נאכצוגעבען. וואס אנבאלאנגט די מורא פאר טראבעל, דארף זי איצט זיין דאַ־פעלט אזוי גרויס פאר די דזשאבערס. ווארום, אויב די יוניאן איז געווען באַ־רייטוויליג צום קאמף דאן, איידער די דזשאבערס האבען געסיינט דעם אגרי־מענט, איז זי איצט דאפעלט באריט־וויליג; אויב די יוניאן האט זיך גע־פיהלט מעכטיג גענוג אויפצונעמען א קאמף געגען די דזשאבערס פריהער, איי־דער זיי האבען אונטערשריבען דעם אגרימענט, איז די יוניאן איצט, נאכ־דעם, ווי די דזשאבערס וועלען זיך ארויסווייזען . אלס אגרימענט־ברעכער, דאפעלט און הונדערט־פאך אזוי מעכטיג.

♣

דאס אלעס איז דאך אזוי קלאר און זעלבסטפארשטענדליך, און עס גלויבט זיך אונז פשוט ניט, אז די דזשאבערס אליין זאלען דאס ניט איינזעהן, און האנדלען אזוי שנעל ווי מעגליך, איידער עס וועט ווערען צו שפעט. דערווייל האט די יוניאן בלויז געמאכט דעם ער־שטען שריט, אום צו מאכען די דזשאַ־בערס קומען צו א בעסערער באזינונג, אזוי, אז זיי זאלען איינזעהן, אין וואס פאר א זומפ זיי פארקריכען. זאל דער דאזיגער ערשטער שריט ניט האבען די נויטיגע ווירקונג, וועט די יוניאן טאן אלעס אנדערע, וואס איז נויטיג, אום צו מאכען דעם אגרימענט פאר א לעבע־דיגע ווירקליכקייט. די יוניאן וויל ניט זיין צו האסטיג, און וויל די דזשאבערס געבען צייט זיך צו באַרעכענען. מיר האפען, אז די דזשאבערס וועלען זיך באנוצען מיט דער געלאסענקייט פון דער יוניאן אין איהר האנדלונג, און טאן דאס, וואס זיי מוזען טאן. מיר האפען, אז זיי וועלען ניט אויסטייטשען די גרויסע געדולד פון דער יוניאן, אלס א רעזולטאט פון שרעקעדיגקייט זיך אנצו־פאנגען מיט זיי. לאמיר זיי דערמאנען אן אלע פריהערע קעמפע, און זיי וועלען זיך געווים דערמאנען, אז אונזער יוניאן ליידט ניט, חלילה, פון דער קראנקהייט פון שרעקעדיגקייט. מעהר ניט, אונזער יוניאן וויל אויסמיידען א קאמף, ווען עס איז מעגליך. איז עס אבער ניט מעגליך, דאן איז זי אימער פארטיג צום קאמף. זאלען אונזערע דזשאבערס אין דער דרעס־אינדוסטריע דאס גוט זיך ארייננעמען אין זינען און האנדלען, ווי פאראנטווארטליכע מענשען מוזען האנד־לען.

דער צוזאמענקונפט פון די סטודענטען און לערער פון אונזערע קורסען.

דער יעהרליכער צוזאמענקונפט פון די סטודענטען און לערער פון דעם אינטער־נעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט און די יוניטי סענטערס וועט פארקומען שבת אווענט, דעם 28טען מארטש, אין דייגינג רום פון די וואשינגטאן אירווינג הײַ סקול. עס וועלען זיין רעפרעשמענטס, מו־זיק און דענסינג.

איינטריט 35 סענט. די טיקעטס זיינען שוין צו באקומען אין דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 8 וועסט 16טע סט. מאכט גליך אייער באשטעלונג.

וואס פאר א סארט מענש איז גאמפערס געווען?

פון בענזשאמין שטאלבערג.

די פאלגענדע שילדערונג פון סעמועל גאמפערס איז ערשינען אין דעם וואוילבאקאנטען מאנאט־ליכען זשורנאל „אטלאנטיק מאנטלי" פון דעם מאנאט. אין ערגעצוואו איז די שילדערונג א זעהר טיפע און אריגינעלע. עס זיינען אבער דא אין דעם ארטיקעל איינציגע שטעלען, מיט וועלכע מיר זענען לחלוטין ניט איינפארשטאנען. עס זיינען דא אויך איינציגע פאקטען, וועלכע דער פארפאסער פון דעם ארטיקעל גיט, לויט אונזער מיינונג, ניט די ריכטיגע באלויכטונג. ווען דער גאנצער אר־טיקעל וועט פארעפענטליכט ווערען אין דער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר אנווייזען אויף דעם און ערקלערען אונזער שטעלונג.

רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

.1

יאהרען און יאהרען זיינען גאמפערס און די ארבייטערשאפט אין אמעריקא געווען איין גוף און איין נשמה. ווען אימיצער זאל נאכפארשען די געווינסען פון דער ארבייטערשאפט, וועט ער אויך אויסגעפינען גאמפערס מעטאדען. זיי־נע טוגענדען זיינען געווען די בעסטע מאס פאר איהרע סאציאלע אויפטואונ־גען. זיינע פאראורטיילע זיינען געווען דער רעזולטאט פון אלע פעלערען און צרות וואס די ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא האט דורכגעמאכט. זעלטען ווען האבען די נאטירליכע פעהיגקייטען פון א פיהרער זיך אזוי צוגעפאסט צו דעם קולטורעלען מצב פון א באוועגונג. גאמפערס איז געווען דער קלאר־אויסגע־שפראכענער אויסדרוק פון די אינסטינק־טיווע פארלאנגען און שרעקען פון דער שטאם־פעריאדע — דער פרימיטיווער קרעפט־יוניאן — פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט. גאמפערס איז געווען דער משה רבנו פון איהרע פערציג יאהר וואנדערען אין דער מדבר, פון איהרע טעגליכע קעמפע פאר מן, פון איהר פארטיידיגען זיך געגען אינערליכער רע־בעליאן און געגען אטאקען פון דרויסען.

עס איז שווער אפצושיידען משה'ן פון די אידען, וועהרענד די פערציג יאהר אין דער מדבר. די גאנצע־לא־עקזיסטענץ האט נעפאדערט א פעסטע פיהרערשאפט פון אזא שמאלען אידעאליזם, אזוי דאס דער פייער פון דעם פיהרער מאכט אונז בלינד צו דעם שרעקליכען סליאד, וואס ער האט געלאזען הינטער זיך. ערשט דאן, ווען די דאזיגע שטאמען זיינען גע־בראכט געווארען צו דעם שוועל פון זייער גרעסערער סאציאלער באדייטונג, איז זיין גייסט אפגעקיהלט און אויסגע־לייטערט געווארען געגען דעם הינטער־גרונד פון זייער גאנצער ביטערער ער־פארונג. אפגעטאן זיין ארבייט, איז ער ארויף אויפ'ן שפיץ בארג און געשטאר־בען. זיין טויט האט ארויסגעוויזען, דאס ער איז ניט געווען קיין זעהר גרוי־סער נביא, ווייל זיין אויסבליק איז גע־ווען באגרענצט דורך זיין צו פארזיכטי־גע שטרענגקייט. ער איז ניט געווען קיין צו גרויסער דענקער צוליב דיזעלבע אורזאכע. ער איז געווען א גרויסער פערזענליכער פיהרער, וועמעס שמאלער גערעכטיגקייטס־געפיהל איז קיינמאל ניט באאונרוהיגט געווארען דורך פילאזאפי־שע צווייפלען אדער אוטאפיסטישע חלומות.

עס איז איבעריג צו ציהען א ווייַ־טערען פאראלעל. אבער גאמפערסעס גבורה איז געווען פונקט פון אזא סארט. ער איז געווען א פערזענליכער פיהרער — וואכזאם, דיקטאטאריש, קלוג, עהר־ליך ביז נאר, שמאל אין זיינע אידעאלען, אבער ברייט אין זיינע סימפאטיען, און פאר זיין צייט און פלאץ דער איינציגער מענש פאר דעם דזשאב. די אמעריקאן פעדערײשאן און לייבאר איז נאך אלץ א געמיינדע פון הינטערשטעליגע און אפט בארבארישע שטאמען. ווען ער האט פאראייניגט אין זיינע יונגע יאהרען אלעס וואס איז געווען צו פאראייניגען אין דער ארבייטער באוועגונג פון יענער צייט, איז דער ארבייטער געווען ווידזש־פארשקלאפט מיט א גרויזאמקייט, וואס זעהט יעצט אויס אומגלויבליך. דער אמעריקאנער ארבייטער איז געווען פראקטיש ניט ארגאניזירט. צוערשט האט גאמפערס פארבלאנדזשעט—כמעט קיינמאל ניט איינגאנצען — אין די מע־אריעס פון סאציאליזם פון יענער צייט, דא און דארט באשפרינקעלט פון אנאר־כיזם, וואס קומט צו צו יעדער באוועַ־גונג, וואס קאן זיך ניט צופאסען צו איהר צייט. די רויטע און שווארצע וואל־קענס זיינען אריבערגעשוואומען פון די בליצען פון די 48־ער רעוואלוציעס און פון די קאמוניסטישע מאניפעסטען פון דער אלטער וועלט. אבער די ווינטען פון דער אינדוסטריע פון דעם נייעם לאנד האבען זיי באלד צויאגט. פאר א קורצע ווײלע האט גאמפערס זאגאר קאַ־קעטירט מיט דעם פונקט אזוי נאאיווען היימישען סינדיקאליזם פון די נייטס איז לייבאר, וועמען ער האט שפעטער צו־קלאפט אין איינעם פון זיינע ברילייאַנ־טענע קאמפיינס.

אבער מיט דער צייט האט זיין גע־זונטער פארשטאנד גענומען די אויבער־האנט. ער האט ריכטיג באגריפען די אומזיניגקייט פון די דיאלעקטישע פלאפ־לערייען און פון די אטאקעס פון דער וואן ביג יוניאן געגען דעם יונגען ריז פון אמעריקאנער קאפיטאל. ער איז גע־גאנגען צום ברענענדען דארען און זיך צוגעהערט צו דער שטימע פון זיין גאט. זיין גאט איז ערשינען פאר איהם אין די אווראלס פון א טרייד־יוניאן ארבײַ־טער. צו איהם איז ער געבליבען גע־טריי ביז זיין לעצטען אטעם צוג, און פון איהם האט ער געלערנט דעם דאזיגען איינפאכען עשרת הדברות: ארגאניזיר זיך אין באזונדערע קרעפטס; קעמפ פאר מעהר ווײדזשעס; פאר וויי־ניגער שטונדען; פאר בעסערע ארבייטס־צו־שטענדע; סטרייק ווען נויטיג; ברייך ניט קיין קאנטראקט; פאלג דער פיה־רונג פון דיינע פיהרער; חבר זיך ניט מיט סאציאליסטען, אנארכיסטען, סינ־דיקאליסטען, קאמוניסטען; געלוסט ניט נאך דער פונקציאן פון קאפיטאל; אין האלט זיך צוריק פון פארטייאישע פאלי־טיק.

און מיט די יאהרען איז ער געווארען אלץ מעהר פארהארטעוועט אין דעם קורס פון טעגליכען אפארטוניזם. אונ־טער די אומשטענדען איז ער געווען אין תוך גערעכט. דער דאזיגער שמאלער קאמף פאר סאציאלע גערעכטיגקייט האט ניט דערלאזען די אמעריקאנער ארביי־טער צו פארשווענדען זייערע כחות אין דער פיינדליכער סביבה פון א יונגער אינדוסטריע אין א יונגען לאנד.

.2

גאמפערס האט געהאט דעם קער־פערליכען חן פון א פערזענליכען פיה־רער. זיצענדיג האט זיין אויבערשטער־טייל פון קערפער, מיט זיינע לאנגע ארעמס און דעם זעהר גרויסען קאפ, אויסגעזעהען צו געהערען צו א זעקס־פוסער. אבער ווען ער האט זיך אויפ־געשטעלט, האבען זיינע זעהר קורצע פיסלאך איהם צוגענומען דעם אנבליק פון אמת־טירישען כוח צו זיין שטענדיגער באוועגליכקייט. זיין קאפ איז געווען גרויסארטיג. ער האט אויסגעזעהען, ווי א באַ עבטער פעלזען־שטיין, אויף וועמען די וועטערען פון א לאנגען און גע־פערליכען לעבען האבען אויסגעקארבט מורא'דיג גרויסע קארבען. דער קאליר פון גראניט, די הענגענדע צעפעלעַ־גרויע האר, דער אריגינעלער שניט פון זיין פנים — די דאזיגע זאנדערבארקייט האט באצויבערט. זיין שטים איז געווען שטענדיג שארף, איינשטימענד אדער ניט, מיט אלע פיבערען פון זיין נשמה. ווען ער האט געפיהלט זעהר שטארק, האבען זיינע הארטע גרויע אויגען, אפגערוקט ווייט איינער פון צווייטען, הינטער דיקע אויגען־גלעזער, אזוי ווי אנגעצונדען זיין פנים. דער מויל זיינער איז געווען א ברייטער שפאלט מיט ווינקלען, וואס האבען ארונטערגע־ציטערט ארום א הארטער רונדער מאר־דע. די שטימע זיינע האט געהאט די זעלטענע פעהיגקייט איבערצוגעבען, וואס ער האט נאר מאמענטאן געפיהלט. אלע זיינע וויכטיגסטע אויסדריקע האבען זיך געהויבען און געפאלען צוזאמען, אזוי ווי זיי וואלטען קאנטראלירט געווארען פון אירגענד אן אינערליכען מעכאניזם. פאר א מאמענט איז די באוועגליכע מאסקע געווען גנב'יש און מיסטעריאיש, און א מאמענט נאכדעם העכסט איינטים און פריינדליך. דאן ווידער זיך צופלאַ־קערט מיט א ליידענשאפט פון גערעכ־טיגקייט, וואס האט א ווײלע שפעטער אויסגעזעהען מאדנע ווילד. דאס איז געווען א פנים פון א געבארענעם אק־טיאר, און זיין גייסטיגע ענערגיע האט עדות געזאגט פאר די עקזיסטענץ פון אן אומגעהויערער לעבענס־קראפט.

קערפערליך און באזונדערס מיט די נערווען איז ער געווען אונערמידליך; אונמענשליך שווערע ארבייט און דאס זעהר פיעל טרינקען האבען אויסגעזעהען ניט צו מאכען אויף איהם דעם מינד־סטען איינדרוק. ער האט געהאט די פאראכטונג פון'ם אייזען־שטארקען מענ־שען פאר דעם געזונטען פארשטאנד אין אלץ וואס אמבאלאנגט שלאפען, פארגע־ניגען, טרינקען, באקוועמליכקייט אין ארבייט.

יאהרען לאנג האט זיך זיין ארבייט אנגעפאנגען אכט אין דער פריה און זיך געענדיגט שפעט אין דער נאכט. אפילו זיינע אפרו־שטונדען, וועלכע ער פלעגט אפט פארברענגען אין איינע פון די בי־ליגע טעאטערס אויף פענסילווייניא עוו. אין וואשינגטאן; אדער אין א סאלון, וואו ארבייטער פלעגען אריינקומען, פלע־גען פארבראכט ווערען מיט א פריינד אדער מיט א שונא אין דעם אימער אַנ־האלטענדען געשפרעך וועגען דער אר־בייטער פראגע. זיין שטענדיגע לעבע־דיגע ענערגיע האט ארויסגערופען די עלעמענטארע באוואונדערונג, וואס מיר פיהלען פאר די יעניגע, וועלכע ווערען קיינמאל ניט מיד. און אפילו א קורצע באריהרונג מיט זיין ליידענשאפטליכער, קלוגער, קיינמאל ניט אויפהערענדער, לע־בעדיגקייט, האט געמאכט איינעם פאר־מאטערט, אנגענעם, אויב די באציהונג איז געווען אן אנגענעהמע, א פארדראַ־סיגע, אויב די באציהונג איז געווען פון דעם פארקערטען סארט. אבער אפילו זיינע נאהענטסטע פארבינדעטע האבען זעלטען איהם פארלאזען מיט א געפיהל פון גלייכגילטיגקייט.

זיין ליידענשאפטליכקייט האט פאר־איינפאכט זיין נאטור. זיין טאקטיק, ווי ניט דירעקט זי האט געמעגט זיין, איז געווען דער רעזולטאט פון זיין פיהלען און ניט פון זיין דענקען. אין דאס, וואס ער האט געגליכען אדער ניט, איז ער געווען קינדיש איינגעשפארט. און אין די פרויען, וועלכע האבען געשפילט א ראליע אין זיין לעבען, האט ער מעהרסטענס ארויסגערופען א מוטערליכע ליבע. די ערשטע מרס. גאמפערס, מיט וועמען ער האט געהייראט, ווען ער איז אלט געווען זיבעצעהן, און זי נאך עט־וואס אינגער, און מיט וועמען ער האט געלעבט אין היימליכער חבר'שאפט פיר און פופציג יאהר, האט מוטערליך גע־ליבט זיינע מעלות, און האט זיך צוגע־פאסט צו זיינע אלע חסרונות, מאכענ־דיג זיך ניט וויסענדיג וועגען זיי. זי האט זיך אריינגעלעבט אין דער ראלע פון מאכען א היים פאר זיין זאך, און עס איז געווען א פארגעניגען צו זעהן די פיינע פריינדשאפט, וואס האט עקזיס־טירט צווישען דער איינפאכער קליינער הויז־פרוי און דער סקאטיש־אירישער ארבייטער־חברה, וואס האט זיך באוועגט ארום איהר מאן.

פאר א גאנצען לאנגען דור איז זיין פערזענליכער סעקרעטער געווען מיסס גארד. און ווען צו זיין לעבענס־ענד האט די נירען קראנקהייט, פון וועלכער ער האט געליטען פאר פילע יאהרען, אנ־געריהרט זיין הארץ, האט מיסס גארד אויפגעפאסט אויף איהם מיט אן אומ־ענדליכער געדולד. זי פלעגט אונטער־ברעכען וויכטיגע קאנפערענצען און צווינגען איהם נעמען א פיל אדער א לעפעל מעדיצין, וואס ער האט זעהר ניט געגליכען, און וואס פלעגט אפט פאראורזאכען א סצענע. זי האט געקענט זיין יעדען קאפריז, און האט איהם אפט געמאכט גוט־געשטימט מיט דער ליט־רעקייט פון פריינדשאפט, נארענדיג איהם, ווען ער האט באדארפט אדער געוואלט זיין גענארט. און אויך גע־רעדט מיט איהם אפענע דיבורים, ווען ער האט זיך נאר גענויטיגט אין א צענ־זאר.

זיין ריסוירטש־סעקרעטער איז גע־ווען מיסס טהארן, וועלכע קען, ווי זעהר ווייניגע, אלע וועגען און שטעגען אין דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא. מיט דער צייט האט זי איהר דענקונגס־אפאראט געמאכט פאר דעם שאטען פון זיינעם אזוי פאלקאם, אז סטודענטען און שרייבער, וועלכע זיינען געקומען צו גאמפערסען וועגען זיינער א מיינונג, זיינען כמעט שטענדיג נאכדעם געגאנ־גען צו איהר פאר די ווירקליכע פאק־טען און די פסיכאלאגיע הינטער זיי. און זי האט ערקלערט און אויסגעברייט זיי־נע אנזיכטען מיט א זעלטענער טרייהייט און דיפלאמאטיע.

די איבערגעבענהייט, מיט וועלכע די צוויי אלטע פרויען האבען באַוואונ־דערט, פארשטאנען, פארטייטשט און פארגעבען איהם, איז מערקווירדיג, ווייל עס איז געווען פילעס אין זיין לעבען און שפראך און אין דעם שטייגער ווי ער האט אפט געטאן זאכען, וואס זיי וואל־טען קיינמאל ניט געדולדעט אין אנדערע. דער סוד פון דעם איז געווען ווארשיינ־ליך אין דעם פאקט, וואס פאר זיי איז ער געווען ביידעס: א גרויסער פיהרער און א צולאזענער אינגעל.

גאנץ אומבאוואוסט האט זיך גאמ־פערס ארומגערינגעלט מיט פיל קלענ־רע מענשען, ווי ער. מר. מאטיו וואל, וועל־כער איז סארקאסטיש גערופען געווארען זיין „קרוינפרינץ", אדער „אפים באי",

(שלוס אויף זייט 11).

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII. No. 11. — New York, Friday, March 13, 1925
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

ניט־ערפילטע ערוואַרטונגען

דער סטרייק פון די וואַיט־גודס וואָירקערס און טשילדרען דרעסמייקערס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק, איז שוין אַזוי גוט, ווי געענדיגט. אפשר, ווען די שורות ווערען געשריבען, זיינען נאָך דאָ אַ פּאָר שעפּער, וועלכע זיינען נאָך ניט געקומען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט דער אָדער דער צווייטער יוניאָן. אָבער אין אַלגעמיין קען מען באַטראַכטען דעם קאַמף פאַר געענדיגט, און ניט אין גאַנצען אָהן אַ געוויסע פאַרבעסערונג פאַר די בעלי־מלאכות. וואָלטען מיר געקענט זיין צופרידען. און דאָך, אָפענהעוציג גערעדט, זיינען מיר עס ניט. דער קאַמף האָט זיין הויפּט־ציועק ניט דערגרייכט.

☘

און וואָס איז געווען דער הויפּט־צוועק פון דעם סטרייק פון אונזערע צוויי יוניאָנס? דער הויפּט־ציל איז געווען צו באַוועגען די טויזענטע און טויזענטע אַרבייטער און אַרבייטערינס, וועלכע אַרבייטען אין די ניט־יוניאָן שעפּער, און אויף פיל ערגערע באַדינגונגען, ווי אונזערע יוניאָן־אַרבייטער, זיך אָנצושליסען אָן דעם קאַמף, און דורך דעם אַריינברענגען אין די צוויי אָרגאַניזאַציעס די אַלע, וועלכע זיינען ביז איצט ניט־געווען אָרגאַניזירט. במילא וואָלט שוין אויסגעפיהרט געוואָרען די פאָלשטענדיגע יוניאָניזירונג פון אַלע אָדער די מעהרסטע שעפּער אין די ביידע טריידס. דאָס איז געווען דער ציל פון דעם קאַמף. אָט דער ציל, מוזען מיר זאָגען, איז דערווייל נאָך ניט דערגרייכט געוואָרען. עס איז דערפאַר זעהר כדאַי, און אפשר, זעהר נויטיג צו פאַרשטעהן גאַנץ קלאָר, וואָרום אייגענטליך האָט דער דאָזיגער קאַמף ניט געפיהרט צו דעם געווינשטען ציל?

☘

אין די פריהערינע צייטען איז דער סטרייק געווען באַטראַכט, אַלס דער איינציגער מיטעל, און דער בעסט־אויספּרובירטער מיטעל, צו ברענגען די אַרבייטער אין די יוניאָן. אין אַמאָליגע יאָהרען איז די צייט פון קאַמף באַטראַכט געוואָרען פאַר די גינסטיגסטע צו אַגיטירען און צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער. די לעבענס־געשיכטע פון אונזער יוניאָן איז דער בעסטער באַווייז דערצו. די ליידיס וויִיסט מייקערס יוניאָן איז אויפגעבויט געוואָרען דורך דעם גרויסען היסטאָרישען סטרייק פון 1909; פאַר דעם סטרייק איז די גאַנצע יוניאָן באַשטאַנען פון אַ קליין הייפעלע איבערגעבענע יוניאָן־לייט, וועלכע האָבען פּשוט גענומען אַ גרויסען, אַ זעהר גרויסען, שאַנס, אַרויסרופענדיג דעם דזשענעראַל־סטרייק. דאָס זעלבע איז געווען דער פאַל מיט דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן. פאַר דעם סטרייק פון 1910 איז די יוניאָן געווען קליין און שוואַך, געשטאַנען, ווי מען זאָגט, אויף הינערשע פיסלאַך. ערשט דורך דעם סטרייק האָט די יוניאָן אָנגעהויבען וואַקסען אין מאַכט און איינפלוס. עס האָט זיך דאַרום אַנטוויקעלט ביי פילע דער געדאַנק, אַז די בעסטע און גינסטיגסטע צייט פאַר די אַגיטאַציע פון דער יוניאָן־אידעע און אויך טאַקע פאַר די אָרגאַניזירונג פון די אַרבייטער, איז די צייט פון קאַמף. און ביז צו אַ געוויסען גראַד איז דער געדאַנק אַ גאַנץ ריכטיגער. אָבער, ווי עס ווייזט אונז אויס, איז ער ניט און קען ניט זיין ריכטיג איבעראַל און שטענדיג, אונטער אַלע אומשטענדען.

☘

די ערשטע באַדינגונג פאַר דעם ערפאָלג פון אַזאַ מין אונטערנעמונג איז, דאָס די אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אין די ניט־יוניאָן־שעפּער, זאָלען זיין באמת קאַמף־לוסטיג; עס זאָל ביי זיי זיין דער חשק צו קעמפען. דאַן, ווען דער סיגנאַל קומט, פאַרלאָזען זיי זייערע שעפּער און שליסען זיך אָן אין קאַמף, און קעמפען מיט דעם גאַנצען מוט, וואָס זיי פאַרמאָגען. און אונזערע אַרבייטער האָבען געהאַט אַ שם פאַר גוטע און באַדייטוויליגע קעמפער. מאַכט ניט אויס, ווי זיי זיינען געהאַנדעלט אין זייערע שעפּער נאָכדעם, ווען דער סטרייק איז שוין געוואונען געוואָרען; אָבער צום קאַמף זיינען זיי אימער געגאַנגען, ווי צום טאַנץ. צו דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל די אַרבייטער אין די שעפּער זיינען אַזוי שלעכט באַהאַנדעלט געוואָרען פון זייערע בעלי בתים, דאָס די מורא, אַז זיי קענען עפּעס פאַרלירען דורך דעם קאַמף, האָט אין גאַנצען געפעהלט ביי זיי, צו זיי זיינען טאַקע געווען פּשוט קריגס־לוסטיג, און זיינען געגאַנגען אין קאַמף צוליב דעם קאַמף גופא, איז מאָמענטאַן ניט וויכטיג צו גריבלען זיך אין דעם. אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז אַזוי האָבען אין די מעהרסטע פעלע געהאַנדעלט אונזערע אַרבייטער אין די אַמאָליגע יאָהרען, און דאָס האָט ביסלאַכוויז, ביסלאַכוויז געפיהרט צו דער אויסבויאונג פון אונזערע יוניאָנס.

☘

אין אונזער צייט, ווי עס ווייזט אויס, פעהלט די נויטיגע באַדינגונג. די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון אונזערע טרייד זיינען, ווי עס זעהט אויס, גאַנץ ווייניג קריגס־לוסטיג. אַזוי ווייט, ווי מיר האָבען זיך געקענט דערוויסען וועגען דער שטימונג, וואָס הערשט צווישען די דאָזיגע אַרבייטער, געפינען מיר, דאָס זיי זיינען אַלע שטאַרק באַהערשט פון דער מורא צו פאַרלירען דאָס, וואָס זיי האָבען, און וואָס זיי האָבען געקראָגען מיט אַזוי פיל שווערינקייטען. די מעהרסטע ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין אונזערע מקומות און אין אונזער צייט, זיינען די יעניגע, וועלכע זיינען מיט אַ יאָהר אָדער צוויי צוריק אַנטלאָפען פון דעם שרעקליכען גיהנום אין רוסלאַנד, אין פּוילען און אין אַנדערע לענדער אין יוראָפּ, וואו זיי זיינען אויסגעשטאַנען די ערנסטע יסורים פון הונגער און קעלט און פון די שרעקליכסטע פאַרפאָלגונגען און ערנידריגונגען פון אַלערליי זייטען. דאָ האָבען זיי ענדליך געפונען אַ שטיקעל ברויט. אמת, אַ טרוקען און אַ קאַרג שטיקעל ברויט, אָבער דאָך אַ שטיקעל ברויט; און זיי זיינען אַזוי אָנגעשראָקען פון אַלץ, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעליטען, דאָס זיי האָבען פּשוט מורא צו ריזיקירען אויף דאָס מינדעסטע.

☘

די דאָזיגע אויף טויט דערשראָקענע און פאַרמאַרעטע קרבנות פון דער מלחמה־צייט און נאָך־מלחמה־צייט אין יוראָפּ זיינען ניט און קענען ניט זיין קריגס־לוסטיג. און זיי אַלע זיינען עס די; וועלכע פילען אָן די ניט־יוניאָן־שעפּער, און וועלכע, צו זיי ווייסען עס, צו ניט, קאָנקורירען, און קאָנקורירען שטאַרק, מיט די יוניאָן־אַרבייטער. איז עס דאָך גאַנץ נאַטירליך אַז די יוניאָן זאָל וועלען זיי זעהן אָרגאַניזירט, מעהר נאָך, דאָס די יוניאָן זאָל אָנשטרענגען אַלע איהרע כחות אַריינצוברענגען זיי אין די יוניאָן־רייהען. זי מוז עס טאָן פּשוט צוליב איהר אייגענער זיכערהייט און עקזיסטענץ. דערפאַר איז אָט דאָס געווען דער הויפּט־ציל פון דעם איצטיגען סטרייק. דער חשבון איז געווען, דאָס די דאָזיגע איצטיגע שקלאַפען און שקלאַפינס זיינען אין זייער פיהלען און דענקען ניט פיל אַנדערש, ווי אונזערע אַרבייטער פון די אַמאָליגע צייטען. זיי וועלען דערהערען דעם רוף צום קאַמף, און זיי וועלען זיך אָפּרופען. אויסגעלאָזען האָט זיך די זאַך גאַנץ אַנדערש. די יוניאָן האָט זיי גערופען, שטאַרק גערופען, אָבער די שטימע איז געבליבען ניט געהערט. די טויזענדע און טויזענדע אַרבייטער און אַרבייטערינס אין די ניט־יוניאָן־שעפּער זיינען צום קאַמף ניט צוגעשטאַנען.

☘

מיינט עס אָבער, אַז מען דאַרף פאַרצווייפלען אין דעם כח פון דער יוניאָן צו אָרגאַניזירען די פריש־אָנגעקומענע בעלי מלאכות? דאָס ניט. מיר מיינען אָבער אַנצואַנווייזען, אַז די אַמאָליגע מעטאָדע פון אַגיטירען און אָרגאַניזירען קען צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער אורזאַכע ניט מעהר אָנגעווענדעט ווערען מיט דעם נויטיגען און געווינשטען ערפאָלג. מיר מיינען צו זאָגען, אַז עס מוזען געזוכט און געפונען און אָנגעווענדעט ווערען אַנדערע מעטאָדען. איז אויך דאָס ביז צו אַ געוויסען גראַד געטאָן געוואָרען פון דעם דיסטריקט־קאַונסיל. דער איצטיגער סטרייק איז ניט אַרויסגערופען געוואָרען פּלוצלונג. עס איז געטאָן געוואָרען פיל פאָרבערייטונגס־אַרבייט. עס זיינען גערופען געוואָרען פון צייט צו צייט גרויסע מיטינגען פון די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער. פאַרשיידענע אויפקלערענדע הענדבילס און ליפלעטס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אין און אַרום די שעפּער אין די צעהנדליגע טויזענדע. דאָס איז געטאָן געוואָרען אין אַ משך פון פילע מאָנאַטען. אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז דאָס, אונטער די אומשטענדען, ניט געווען גענוג. דער בעסטער באַווייז איז, אַז דאָס אַלעס האָט ניט געמאַכט די נויטיגע ווירקונג.

☘

מיינט עס אַלזאָ, אַז דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען אַ ביסעל צו־פריה? אפשר יאָ. יעדענפאַלס, אַזוי זעהט עס אויס. אָבער איין זאַך איז איצט גאַנץ קלאָר פאַר אונז, דאָס אונטער די איצטיגע אומשטענדען קען מען ניט און מען טאָר ניט ערוואַרטען, דאָס דורך דעם קאַמף זאָל ערשט אויפגעבויט און פאַרשטאַרקט ווערען אַ יוניאָן, נאָר מען מוז זאָרגען און טאָן אַלעס מעגליכע, אַז צוערשט זאָל די יוניאָן ווערען אַ גרויסע מאַכט, און דאַן ערשט, אַלס פּועל יוצא, זאָל פאָלגען דער קאַמף.

☘

אמת, דער וועג איז אַ פיל, פיל לענגערער, ווי דער אַמאָליגער, אָבער עס איז זיכער, דאָס דער קירצערער וועג פיהרט צו גאַרניט, און עס איז געוויס בעסער צו געהן לאַנגזאַם און קומען צום ציל, איידער אַ לאָף צו טאָן, און פאַלען אין מיטען וועג, ווייט, ווייט פון דעם דערגרייכטען ציל. דער פעהלער איז, אַלזאָ, געמאַכט געוואָרען מיט דעם, וואָס דער באַשלוס צו קעמפען איז געפאַסט געוואָרען, איידער די יוניאָן איז געווען מעהר אָדער ווייניגער זיכער, דאָס זי וועט האָבען די נייטיגע סאָלדאַטען, וואָס זאָלען געהן אין קאַמף.

☘

אָט דאָס איז, לויט אונזער מיינונג, דער מוסר־השכל פון דעם פאַרגאַנגענעם סטרייק פון די וואַיט־גודס־וואָירקערס און טשילדרען דרעסמייקערס. אויפגעבען דעם געדאַנק צו אָרגאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע, דאָס קענען ניט די יוניאָנס. צוליב זייער אייגענער עקזיסטענץ טאָרען זיי עס ניט. אָבער זיי מוזען איצט אָננעמען אַן אַנדער מעטאָדע. זיי מוזען איינמאָל פאַר אַלע מאָל וויסען, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ קורצער וועג צו מאַכען זיך שטאַרק און ווירקזאַם און פיהלבאַר אין זייערע טריידס. זיי מוזען פאַרשטעהן, אַז דער וועג איז אַ לאַנגער און אַ שווערער, און דערפאַר דאָס מעהר ענערגיע, דאָס מעהר אויסדויער־קראַפט פאָדערט זיך פאַר די דאָזיגע אַרבייט.

☘

אין די לעצטע יאָהרען זיינען געמאַכט געוואָרען „דרייווס" פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס פאַר פאַרשיידענע צוועקען, וועלכע האָבען פאַר אַ צייט געהאַט אַ געוויסען ערפאָלג. מען קען באַטראַכטען אונזערע אַמאָליגע סטרייקס, אַלס אַ סאָרט „דרייווס", וועלכע האָבען געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטען. אָבער אין דער איצטיגער צייט, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, קענען די אַמאָליגע „דרייווס" גאַנץ ווייניג אויפטאָן. אַנשטאָט די „דרייווס" פאַר אַ מאָמענט מוז אונטערנומען ווערען אַן אונאונטערבראָכענע טעטיגקייט יעדען טאָג פון חודש און יעדען חדש פון יאָהר. מען טאָר קיינמאָל ניט מיד ווערען. מעגען די רעזולטאַטען ניט זיין קיין געוואַלדיג־גרויסע, — יע, מען דאַרף נאָר אַזעלכע ניט ערוואַרטען, — אָבער ביסלאַכוויז, ביסלאַכוויז, פּונקט ווי אַ טראָפּען וואַסער מאַכט אַ לאָך אין דעם האַרטעסטען שטיין, אַזוי קענען דורך שטענדיגער אַגיטאַציע די אַרבייטער געבראַכט ווערען אין יוניאָן.

☘

און, ווי אונז שיינט, איז דאָס די איינציגע ווירקזאַמע אַרבייט. נאָך אַלעמען, איז דער יוניאָן־מעמבער, וואָס ווערט דורך דעם אַלגעמיינעם אימפּעט און שטורמיש אַריינגעשליידערט אין די יוניאָן — פּונקט ווי אונזערע ניו יאָרקער ווערען אַריינגעשליידערט אין אַ סאַבוויי־קאַר אין די „ראַש־אורס" — ניט אַזעלכער, מיט וועמען איהר קענט זיין זיכער, אַז ער וועט ווירקליך העלפען צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער יוניאָן. גאַנץ אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט אַ יוניאָן־מעמבער, וועלכער טרעט אַריין מיט דער קלאָרער איבערצייגונג דאָס, אַלס אַרבייטער, מוז ער געהערען צו אַ יוניאָן, ווייל די יוניאָן איז זיין איינציגער שוץ און פעסטונג געגען אַלערליי צרות. קורץ און גוט, אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דער יוניאָן טאָר קיינמאָל ניט פעהלען די פראַגע פון אָרגאַניזאַציאָן, און יעדע וואָך, אין וועלכער עס קומען ניט צו עטליכע נייע מעמבערס, מוז באַטראַכט ווערען, אַלס אַ פאַרלאָרענע, אַלס אַ וואָך, אין וועלכער די הויפּט־וויכטיגע אַרבייט פון דער יוניאָן איז געבליבען ניט־געטאָן.

☘

כדי דאָס אויסצופיהרען איז נויטיג, ערשטענס, דאָס דער אַריינטריט אין דער יוניאָן זאָל געמאַכט ווערען זעהר, זעהר לייכט פאַר דעם נייעם מעמבער. דער מעגליכסט־קלענסטער איינטריטס־געלד איז פּשוט דער געבאָט פון דער צייט. אָבער מעהר פון אַלץ מוז די הערשענדע אַטמאָספערע אין דער יוניאָן זיין אַן אמת'ע יוניאָן־אַטמאָספערע, אַן אַטמאָספערע פון אמת'ער ברידערליכקייט, אַן אַטמאָספערע פון דער ווייטמעגליכסטער געגענזייטיגער הילף, אַן אַטמאָספערע, וועלכע זאָל מאַכען פיהלען דעם נייעם מעמבער אין דער יוניאָן אמת גוט, אמת צופרידען, אמת היימיש. נאָר דאַן וועט יעדער געוואונענער נייער יוניאָן־מעמבער בלייבען אַ יוניאָן־מאַן; נאָר דאַן וועט ער אַליין ווערען אַ שטאַרקער אַגיטאַטאָר פאַר דער יוניאָן, און וועט טאָן אַלעס אין זיינע כחות אַריינצוברענגען אין די יוניאָן זיינע פריינד, זיינע פריינדינען, וועלכע זיינען ביז איצט געבליבען פון ווייטען פון דער יוניאָן, ווייל זיי האָבען פּשוט מורא געהאַט פאַר איהר, ווי פאַר אַ בייזע מאַכט, ווי עס האָבען זיי איינגערעדט זייערע באָסעס און אַנדערע „גוטע פריינד" פון דער יוניאָן.

☘

דאָס איז די גרויסע אויפגאַבע אין דער איצטיגער צייט פאַר אַלע אונזערע יוניאָנס, און נאָך מעהר פאַר די יוניאָנס פון די מיסעלייניאָוס טריידס. די אויפגאַבע איז זעהר, זעהר אַ שווערע, און דערפאַר מוז זי אויפגענומען און אויסגעפיהרט ווערען מיט דער טיפסטער ערנסטקייט. מיר ווילען האָפען, ניין, מיר זיינען זיכער, אַז דער דיסטריקט־קאַונסיל וועט מיט אַלע זיינע כחות העלפען די יוניאָנס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אָן איהם, אין דער אויספיהרונג פון דער דאָזיגער גרויסער אויפגאַבע.

וועט עס דאָך מוזען קומען צו אַ קאַמף אין דער דרעס־אינדוסטריע?

די דזשאָבערס אין דער דרעס־אינדוסטריע, וועלכע האָבען ניט לאַנג צוריק אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דעם דזשאָינט באָארד און דער אינטערנעשאָנאַל, פון איין זייט, און מיט זייערע קאָנטראַקטאָרס פון דער צווייטער זייט, האָבען פּלוצלונג חרטה געקראָגען, און זיי האָבען בדעה צו ברעכען דעם אַגרימענט. ווי עס הייסט, סיי מיט דער יוניאָן און סיי מיט זייערע קאָנטראַקטאָרס. אַ טשיקאַווע מעשה, באמונה! מאָנאַטען־לאַנג איז דער דאָזיגער אַגרימענט אין יעדען פּונקט זיינעם דיסקוטירט געוואָרען סיי פון די פאַרשטעהער פון דער יוניאָן און סיי פון די פאַרשטעהער פון אַלע אַנדערע צדדים; ענדליך איז מען געקומען צו אַן איינפאַרשטענדיגונג, און דער אַגרימענט איז פון אַלע צדדים אונטערשריבען געוואָרען. איז איצט האָבען די דזשאָבערס זיך מיישב געווען, אַז עס לוינט זיך זיי ניט דער גאַנצער עסק, און, ווי עס הייסט, האָבען זיי באַשלאָסען צו ברעכען דעם אַגרימענט. איז דאָס ניט אַ ביסעל צו־ווילד?

☘

ווייסען מיר ניט, דעם אמת געזאָגט, וואָס די דזשאָבערס האָבען פאַר אַ כוונות. צו מיינען זיי ווירקליך, אַז זיי קענען אַזוי מיר־ניט, דיר־ניט ברעכען אַן אַגרימענט? האָבען זיי פאַרגעסען דעם אָפּשנים, וואָס די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס האָבען געקראָגען פאַר זייער ברעכען אַן אַגרימענט מיט בלויז אַ פּאָר יאָהר צוריק? קענען זיי ווירקליך פאַרגינען זיך צו שפּייען אין פּנים דער גאַנצער עפענטליכער מיינונג, וועלכע האָט מיט אַזאַ אמת'ער באַגייסטערונג אויפגענומען די ידיעה פון דעם נייעם אַגרימענט מיט אַלע זיינע פּונקטען, וועלכע זיינען אַזוי „פעיר", אַזוי עהרענהאַפט צו אַלע צדדים? האָבען זיי גענצליך פאַרלאָרען זייער פאַרשטאַנד, ריזיקירענדיג אַ קאַמף מיט דער יוניאָן אונטער אַזעלכע אומשטענדען? קענען זיי נאָר אויף איין מאָמענט גלויבען, אַז אין פאַל דער קאַמף וועט אַרויפגעצוואונגען ווערען אויף די בעלי מלאכות, זאָלען זיי, די וואָרט־ברעכיגע דזשאָבערס, אַרויסקומען אַלס די זיגער?

☘

עס איז דאַרום שווער זיך אַריינצוטראַכטען אין דעם, וואָס די דזשאָבערס ווירקליך באַצוועקען מיט זייער נייעם שאָך־צוג. איין זאַך ווייסען מיר, אַז די יוניאָן וועט געוויס ניט ערלויבען זיי צו האַנדלען אַזוי אונפאַראַנטוואָרטליך, און וועט זיי האַלטען ביים וואָרט. זיי, די דזשאָבערס, זיינען ניט קיין קליינע קינדער; זיכער ווילען זיי ניט פון קיינעם באַטראַכט ווערען, אַלס אַזעלכע. ווער וואָלט דאַן געהאַט מיט זיי אַריינגעהן אין וועלכע מגע ומשא? און, ווי באַלד זיי זיינען יאָ ערוואַקסענע מענשען, וועלכע מוזען וויסען, וואָס זיי טוען, מוזען זיי טראָגען די פולסטע קאָנזעקווענצען פון זייערע האַנדלונגען. זיי מאַכען זיך

וועגען העלדען :: (נאטיצען פון א זשורנאליסט). :: פון על עם.

איך גלויב, אז אלע וועלען מיט מיר מסכים זיין, דאס א מ ת׳ע העלדען (ניט די יענע פון ראמאנען און צייטונגס־סקאנדאלען) געפינען מיר אין דער פאר־גאנגענהייט. און וואס ווייטער פון אונ־זער צייט, פון אונזערע דורות, אלץ גרע־סער, אלץ ערהאבענער זיינען די העלדען.

דערמיט וויל איך חלילה ניט בא־הויפטען, ווי אלע פעסימיסטען, אז אונ־זער פארדארבענער, זינדיגער דור איז נאר ניט מסוגל ארויסצוברענגען אזעלכע העלדישע נאטורען, אזוינע הערא־אישע כאראקטערען, ווי די אמאליגע צייטען. ניין! אין דעם שטים איך (ווי נאך אין פילע זאכען) מיט „קהלת״, וועלכער האט שוין לאנג געזאגט, אז עס איז ניט איב־ריג קלוג צו באהויפטען, דאס אמאליגע צייטען זיינען געווען שענער און בעסער, ווי אונזערע.

אלץ וואס איך בין אויסען צו זאגען איז בלויז דאס, אז אנדערש קאן מען ביי דער מענשהייט קיין העלד ניט ווערען, ביז מען ווערט ניט אוועקגערוקט אין דער פארגאנגענהייט, ביז מען ווערט ניט א שטיק היסטאריע אדער לעגענדע. כל זמן מען לעבט צווישען די צייט־גענאסען, מעג מען אויפטאן די גרעסטע מעשים, מעג מען ארויסווייזען די גרעסטע גבורות, איז מען, אין בעסטען פאל, ניט מעהר ווי א קאנדידאט אויף א העלד אין דער צוקונפט.

פונקט ווי דער אלטער שפריכווארט זאגט: „עס גיעבט ניט קיין פראפעט אין זיין שטאדט״, אזוי קאן מען בא־הויפטען: „עס גיעבט ניט קיין העלד אין זיין צייט״.

ביי מיר איז קיין ספק ניט, אז פילע פון אונזערע צייטגענאסען, וועלכע ווע־רען קריטיקירט און געזידעלט און גע־שאלטען, וועלען אויסוואקסען אין די אויגען פון די קומענדיגע דורות אלס גרויסע וואונדערליכע העלדען.

פון דער צווייטער זייט בין איך זי־כער, אז פיעל פון די לעגענדארישע פער־זענליכקייטען פון אמאל, ווען זיי וואל־טען געלעבט אין אונזער צייט, מיט אונז צוזאמען, וואלטען זיי באקרוינט געווא־רען מיט די נעמען „אוואנטיוריסטען״, „אידיאטען״, „משוגעים״ און נאך און נאך זידעל־נעמען, וואס ווערען צוגע־טיילט אונזערע צייטגענאסישע העלדען.

געוואוינליך שרייבט מען עס צו דער שלעכטער מדה פון אונדאנקבארקייט. מען זאגט, אז די מענשהייט ווייסט ניט ווי אבצושאצען די אויסערוועהלטע, וועל־כע ארבייטען פאר איהר און זי פאר־ווארפט זיי מיט שטיינער. ערשט די שפעטערדיגע דורות זעהען זיך ארום דעם טעות פון זייערע עלטערען און זוכען צו רעאבילימירען דעם כבוד פון די העל־דען.

טראכט מען זיך אבער אריין טיעפער אין דער זאך, קומט מען צום באשלוס, אז די מענשהייט איז נאר ניט אזוי גראב שולדיג, אז עס זיינען פאראן פיעל סבות, וואס דערלאזען ניט דעם העלד צו אנער־קענט ווערען אין זיין צייט, אין זיין דור.

ערשטענס, מוז מען געדענקען, אז העלדען געהערען צו דער קאטעגאריע פון קאסטבארקייטען, ביי וועלכע מיר געפי־נען זעהר פיעל נאכגעמאכטע, געפעלש־טע, ניט עכטע.

אין דער אלטער צייט, ווען די וועלט האט פארמאגט אמת׳ע נביאים, וואס „גאט׳ס ווארט האט געברענט ווי א פייער אין זייער הארץ״, האט צוזאמען מיט זיי געלעבט און געווירקט א גרויסע מחנה פון פאלשע נביאים. אין דער צייט, וואס צווישען מענשען האבען זיך באווי־זען ווירקליך היילינע, איז געווארען פיעל גרעסער די צאהל פון די שיינהייליגע. און ניט בעסער באשטעהט עס מיט די העלדען. אויף איין עכטען העלד, וואס פארדיענט כשר זיין נאמען, שפרינגען ארויס אהן א שיעור כלומרשטע העלדען, מאמענט־העלדען, פאזע־העלדען, צופאל־העלדען.

וואס איז דער וואונדער, אז צוליעב די פיעל פאלשע העלדען דערקענען מענ־שען ניט די אמת׳ע? פון וואנען זאלען זיי וויסען צו אונטערשיידען? אלע סימנים, אלע פראבעס האבען זיך ארויס־געוויזען פאר ניט גענוג. די קונסט פון אימיטאציע איז ביי מענשען פון איביג אן שטארק ענטוויקעלט.

ערשט די קומענדיגע דורות זיינען אים שטאנד ארויסצוזאגען זייער אורטייל וועגען די אמאליגע העלדען, ווער פון זיי איז עכט און ווער בלויז א פאיעץ.

צווייטענס, דארף מען ניט פארגע־סען, אז די העלדען, ווי גרויס זיי זא־לען ניט זיין, זיינען ניט מעהר ווי מענ־שען מיט מענשליכע שוואכקייטען. אבער זייערע מיטמענשען ווילען דערפון ניט וויסען. אין זייער פארשטעלונג מוז דער העלד זיין, ווייניגסטענס, א מלאך. ביי די אלטע גריכען זיינען די העראען גע־ווען האלבע געטער.

אט פון דעם, וואס דער העלד אין דער ווירקליכקייט שטימט ניט מיט דעם בילד פון דער פאנטאזיע וועגען איהם, קומט ארויס די גרינגשעצונג פון זיינע צייט־גענאסען.

די מענשען, וואס לעבען אין איין צייט מיט דעם העלד, זעהען ביי איהם פיעל שוואכקייטען, אפט פיעל מעהר ווי ביי א פשוט׳ען בשר ודם, און קאנען דא־ריבער ניט פארגעטערען איהם.

זיי ווילען ניט איינזעהען, אז [illegible] העלד מעג האבען שוואכע מינוטען. ניין! ער מוז זיין העלד אלע פיער־און־צוואנ־ציג שעה פון מעת־לעת.

זיי ווילען ניט צוגעבען, אז א העלד אויף זיין געביעט קאן זיין א הילפלאזער אויף אן אנדער געביעט. ניין! דער העלד מוז זיין איבעראל העלד.

זיי ווילען ניט וויסען, אז אויך דער העלד איז אפהענגיג פון צופאל, און ער מעג אמאל פארזעהן. ניין! וויבאלד א העלד, טאר מיט איהם ניט טרעפען קיין מכשול.

און אין לעבען פון יעדען העלד קליי־בען זיך אויף פיער־פיעל שוואכע מינו־טען, אין וועלכע ער האנדעלט גאר ניט „העלדיש״; מען באמערקט ביי איהם פיעל שוואכקייטען פון זיין כאראקטער; עס קומען אויך פאר ניט ווייניג מכשולים אין זיין טעטיגקייט.

דאס אלעס צוזאמען פארשטעלט פאר די אויגען פון זיינע צייט־גענאסען דאס ריכטיגע געזיכט פון העלד, אזוי ווי דער שטויב פארדונקעלט דאס ליכט פון טאג.

ערשט אין די קומענדיגע צייטען, ווען די אלע קליינינקייטען, די אלע שוואכקיי־טען פון העלד ווערען פארגעסען, און די מענשהייט זעהט פאר די אויגען נאר דאס גרויסע, דאס וויכטיגע, וואס דער העלד האט געטאן אין זיין לעבען, דאן קומט אפט (ניט שטענדיג) די ריכטיגע אדער זאגאר די איבערטריבענע אבשא־צונג פון דעם העלד.

דא ניט לאנג האב איך אין א רייט־שען זשורנאל געלעזען אן ארטיקעל אי־בער א העלד פון אונזער צייט, דעם אי־טאליענישען פאשיסטען־פיהרער מוסא־ליני. דער שרייבער פון ארטיקעל איז א נעוועזענער נאהענטער פריינד פון מוסא־ליני, ווען זיי האבען ביידע צוזאמען נאך געארבייט אין דער איטאליענישער סא־ציאליסטישער פארטיי. ער מיינט דא־ריבער, אז ער איז קאמפעטענטער ווי אלע אנדערע אבצושאצען דעם כאראק־טער פון דיעזען העלד.

אלע, אפילו די גרעסטע געגנער פון מוסאליני, האלטען אין גלויבען, אז וואס מען זאל ניט זאגען אויף די מעשים פון דעם איטאליענישען דיקטאטאר, אבער דאס מוז מען צוגעבען, דאס ער איז א שטארקער מענש, א מאן מיט א פעסטען כאראקטער, מיט אן אייזערנעם ווילען, אונערשראקען ביי אלע געפאהרען, ענט־שלאסען אין די ריזיקאלישסטע מאמענ־טען.

קומט דער אויבענדערמאנטער חבר זיינער און לייקענט שטיין און ביין. לויט זיין שילדערונג, איז מוסאליני א שוואכע פערזאן, וואס איז לעבערליך און איז ניט ווערט דעם נאמען העלד.

און אלס אילוסטראציע צו זיין בא־הויפטונג, דערצעהלט דער שרייבער, אז ווען מוסאליני איז געווען רעדאקטאר פון דער סאציאליסטישער צייטונג „אוואנ־טי״, פלעגט ער ניט האבען דעם מוט אומצוקעהרען די מאנוסקריפטען, וועלכע זיינען געווען ניט דרוקפעהיג, און די אר־בייט צו ריידען מיט די שלימזלדיגע לי־טעראטען פלעגט ער איבערגעבען זיין סעקרעטער.

זאגט איך וואס איהר ווילט: מען דארף ניט זיין קיין חסיד פון מוסאליני׳ן, אום איינצוזעהן, אז די ראיה איז גאר קיין ראיה ניט, אז א מענש קאן ארויס־ווייזען העלדענמוטה ביי גרויסע זאכען און האבען די שוואכקייט דוקא ביי קליי־ניגקייטען. ווער ווייסט ניט, אז פיעל פון די הערשענדע נאטורען, וועלכע וואר־פען אן א שרעק אויף טויזענדער מענ־שען, ציטערען ביי זיך אין שטוב פאר זייער ווייב?

אם ענדע וויל איך ברענגען נאך איין ערקלעהרונג, פאר וואס דער העלד, וועל־כען די קומענדיגע דורות שטעלען מא־נומענטען, ווערט ניט אנערקענט אין זיין דור, דורך זיינע צייטגענאסען, און אפט ווערט ער זאגאר פארהאסט, גערודפט און באקעמפט.

מען דארף ניט פארגעסען, אז דאס רוב העלדען, אויב ניט אלע, האבען מיט זייערע גבורות, מיט זייערע גרויסע טא־טען, געבראכט גליק די שפעטערדיגע דורות, אבער די מענשען פון זייער דור האבען פון זייערע אויפטהוען ניט ווייניג געליטען. זיי האבען געשטערט די רוה, אויפגעטרייסעלט די מענשהייט, אריינ־געבראכט אין לעבען נייעס, צו וועלכע מען איז ניט געוואוינט געווען. פאר וואס זאל מען זיי ליעבען?

מענשען זיינען געוואוינט אבצושאצען יעדע זאך לויט דעם נוצען, לויט דעם פארגעניגען, וואס זי ברענגט זיי ביי זיי־ער לעבען. דער מענש, וואס נעהם שפא־צירען און ווערט פארכאפט פון א גוס־רעגען, איז זעהר דערפון ניט צופרידען, הגם פאר די פעלדער איז דער רעגען א ברכה.

אט דאריבער זעהען מיר טאקי, אז די וואס ווילען לעבען גוט מיט זייערע מיטמענשען, ווערען ביי זיי באליעבט, סטארען זיך צו פארשאפען זיי פארגעני־גען ביי זייער לעבען, ניט שטערען זייער רוה, טאן נאר דאס, וואס איז זיי אנגע־נעהם.

נאר דער אמת׳ער העלד רעכענט זיך ניט מיט דער אונצופרידענהייט פון זיי־נע מיטמענשען. ער טהוט בלויז וואס זיין אידעאל דיקטירט איהם.

ניט אלע מאל פארבלייבט דער העלד אויף הערזעלבער הויך. אפט איז זיין אנהויב העלדיש און זיין סוף — אוואנ־טיוריסטיש.

אבער דאס איז גאר א באזונדער טהעמא, וואס געהט ניט אריין אין די ראהמען פון מיינע היינטיגע נאטיצען.

דורך א געזעץ, און ער האט אליין געפאדערט פון פארלאמענט צו פארווארפען דעם ביל. איך קאן מיר לייכט פארשטעלען די ציין קריצעניש פון מאסקווע, ערהאלטענדיג די דאזיגע שטיקעל נייעס. ווידער אמאל איז די סאציאלע רעוואלוציע אין ענגלאנד אפגעלעגט געווארען ווער ווייס אויף ווי לאנג!

לויט א „וויירלעס״ צו דער ניו יארק „טיימס״ פון פאריז האבען די דארטיגע קאמוניסטען שטארק צושלאגען דעם פראנצויזישען פיהרער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, לעאן בלום, און האבען צושטערט א פאר סאציאליסטישע מיטינ־גען. די ערקלערונג פאר דער דאזיגער ווילדער האנדלונג איז, לויט דעם פאריזער קארעספאנ־דענט, ווי פאלגט: „דער קאמוניזם אין פראנקרייך עקזיסטירט ניט אלס אן אינטעלעקטועלע טעאריע. די דעפוטאטען, וואס רעפרעזענטירען די זאך פון מאסקווע אין דעם טשעמבער אוו דעפיוטיס, זיי־נען ניט געפעהרליך, ניט אינטעלעקטועל און ניט מאראליש. אבער איצט, בעת די אומצופרידענ־הייט אין פראנקרייך איז זעהר גרויס, האבען די קאמוניסטישע רייהען צוגעצויגען רעקרוטען פון די סאמע נידעריגסטע שיכטען פון דער באפעלקערונג, וועלכע זיינען פריהער געווען פשוט׳ע פארברעכער, און האבען זייערע פארברעכען ניט פארמישט מיט פאליטיק״.

א ווירקליך גוטע ערקלערונג פאר די האנדלונ־גען פון די קאמוניסטען אין פראנקרייך און אנ־דערש וואו. ווארים, קענט איהר זיך פארשטעלען אירגענד א מענשען מיט א טראפען מארך און מיט א הארצלע געוויסען פעהיג אויף אזעלכע ווילדע, משוגע׳דיגע מעשים? דער זעלבער קארעספאנ־דענט דערצעהלט, דאס אויף איינעם פון די סא־ציאליסטישע מיטינגען אין פאריז, וואו מען האט געווארפען מיט טשערס און אנדערע כלי־זיין, האט איינער פון די קאמוניסטען, וועלכער, ווי עס ווייזט אוים, א בוטשער ביים טרייד, געברויכט אלס זיין וואפע דעם פוסביין פון אן אקס. רע־דענדיג די גאנצע צייט מיט באנומענע קולות, אז ער וויל, דאס „די גאנצע וועלט זאל בלוטען״. אט אזעלכע זיינען עס די רעוואלוציאנערען, וועלכע דער קאמוניזם האט באשאפען.

וואס פאר א סארט מענש איז גאמפערס געווען?

(שלוס פון זייט 9).

איז געווען און איז נאך איצט דער איינ־ציגער מענש, מיט פעהיגקייטען אין דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדעריי־שאן. די אנדערע זיינען אריינגעשוואר־מען אין די וויכטיגע שטעלען דורך א פאראייניגונג פון אלערליי אומשטענדען, אדער, ווי די ארבייטער־מענשען זאגען עס, ווייל זיי זיינען גוטע פאקער־שפי־לער און שפילען די גיים, ווי מען דארף. גאמפערס האט אימער געהאלטען די בעסטע האנט. זיי זיינען אימער גע־ווען זיינע באשעפעניסע, ניט חלילה אין שלעכטען זין, נאר אין דעם זין, וואס זיי זיינען געשטאנען גענצליך אונטער זיין איינפלוס. ער האט אינסטינקטיוו זיי אויסגעקליבען ווייל זייערע געדאנ־קען זיינען געווען זיכער אויפצולייזען זיך אין זיינע. זיי האבען געטיילט זיינע אידעען וועלכע זיינען געווען גאנץ מיי־טעלמעסיגע, בעת זיי האט געפעהלט די באגייסטערונג, אין וואס עס איז בא־שטאנען גאמפערס׳ מאכט. קאנסטי־טוציאנעל איז דער אמט פון א פרעזי־דענט פון דער אמעריקאן פעדערייש אן אוו לייבאר זעהר א שוואכער. דער פרעזידענט קאן ניט רופען קיין סטרייקס. ער קאן ניט סעטלען קיינע. ווען ער לאזט ארויס א צורוף פאר א באיקאט, האט עס ניט קיין אנדערע, ווי נאר די מאראלע מאכט. די פעדעריישאן ווערט אפט גערופען א שטריק פון זאמד. איהר קאסע איז א פיעל קלענערע, ווי פון פי־לע גרויסע יוניאנס. דער אמט איז דורכאוים פון מאראלער אויטאריטעט, פון איבערצייגונגען, פון טאקטיקס און גענען טאקטיקס, פון אויפהאלטען א גלייכגע־וויכט דורך דאס קונציגע האנדלען פון די עקזיסטירענדע כוחות.

גאמפערס האט געקאנט שפילען די־זע גיים סימפאטיש, אומברחמנות׳דיג, מיט פארשטאנד, מיט דער פאלקאמענ־הייט פון א שאפענדען קינסטלער. אפט זיינען די פיהרער געווען זעהר מיס־טרויאיש איינער צום צווייטען, אבער זיי האבען אימער געקענט ענדליך איהם געטרויען. ער האט זיך איבערגעגעבען צו דער באוועגונג פאלשטענדיג, און זיי האבען עס געפיהלט. ער האט זיי פאר־שטאנען בעסער, ווי זיי האבען זיך אליין פארשטאנען, און זיי האבען עס גע־וואוסט. ער איז געווען דער מאראלער צענטער פון זייער זאך. זיי האבען אפט אביסעל אוועקגעבלאנדזשעט, אבער זיי האבען קיינמאל ניט געוואגט צו פארלא־זען דעם קרייז פון זיין איינפלוס, ווייל הינטער איהם איז געווען דער לאנער פון שונא. ער האט זיי צוזאמענגעהאלטען מיט אלע קונצען פון אן אויסגעצייכנע־טען פאליטיקער, אבער פונדאמענטאל האט ער צוזאמענגעהאלטען זיין מאשין דורך זיין מאראלען כוח.

דאס ליד פון דאבושען

פון נפתלי גראס.

פון שטויב און מיסט האט ער זיך אויפגעהויבען —
א גוף מיט הענט און פיס ווי ווילדע שטאמען,
און ווי ביי פאנען האריקע, מיט פינגער־קאמען,
מיט אויגען האפערדיגע און מיט ליטער גלויבען,
וואס נויגען זיך און פלאמען אויף פאר יעדענס שויבען.

ער האט זיך געגעבען קעניגען דערהויבען,
און האט מיט ווייטע פיהרער־טריט גענומען שפאנען.
ביז ס׳האבען נייע וועגען דורך די לאנען
פון ווייטע מיטגעהער גענומען שטויבען.

און די, וואס זיינען פון דער ווייט געשטאנען,
גענומען האבען שווייגענדיג לעם אים זיך קלייבען;
און די, וואס האבען נאך געמיינט, אז זיי פארבלייבען,
זיי געהען אויכעט מיט און ווייסען נישט דורך וואנען.

און שפאנט ער דורך דער בונטקיים פון פיל טויזענט שטאמען
מיט אויסגעשפרייטע הענט ווי עראפלאנען־פליגלען,
אריבער היגלען, פלאכען, טאלען, טייכען — שפיגלען,
שטעדט ריגלען אויף פאר איהם די טויער־ריגלען,
הכנעה׳דיק זיך נייגען פאר איהם טראנען,
און שטאמען נייגען זיך ווי וועלדער פאר ציקלאנען,
און אלע פאנען פלאטערען פאר איהם ווי פלאמען.

דער פאשיזם האט נאך וואפען, ער האט אבער פארלוירען די נשמות...

פון אנזשעליקא באלאבאנאָווא.

דער פאשיזם האט דעם וואפען באַהאַלטען, אבער די נשמות פארלוירען... מיט די ווערטער האט כאראקטעריזירט די לאגע פון פאשיזם דער קאנסערוואַטיווער דעפוטאט סאלאנדרי בעת דער פארלאמענט־אפשטימונג פון 22טען נאוועמבער.

אמת, די פאשיסטישע רעגירונג האט אין יענעם „היסטארישען" טאג (ווייל ער שליסט אפ מיט זיך א גאנצען פעריאד אין פאשיזם) נאך באקומען א צוטרוי־וואטום, אבער וואס פאר א וואטום און פון וועמען? אפיציעל אין פון אויבען אויף קומט מאקע אויס, אז 337 דעפוטאטען האבען געשטימט פאר דער רעגירונג, 17 בלויז קעגען, און 18 האבען זיך אפגעהאלטען. אבער א סך אפילו פון די, וואס האבען געשטימט פאר דער רעגירונג האבען דערביי אזוי פיעל רעזערווען אין אויסריידען געמאכט, אז זייער וואטום איז פאקטיש מעהר א נעגאטיווער, איידער א פאזיטיווער; אנדערע ווידער האבען געשטימט פאר דער רעגירונג, בלויז כדי ניט אנצוטאן א נחת רוח דער אפאזיציע... און דער עיקר — אין דער אפשטימונג האבען זיך בכלל באטייליגט נאר 372 דעפוטאטען, בעת דער פארלאמענט ציילט 535 דעפוטאטען.

ווארום די ליבעראלען, די פאפולארי און די צוויי סאציאליסטישע פראקציעס (סאציאליסטען און מאקסימאליסטען) באיקאטירען זייט מאטעאטיס מארד דעם איצטיגען פארלאמענט. כמילא, האבען פאר מוסאליני'ן געשטימט די דעפוטאטען, וועלכע ער אליין האט אויסגעוויילט. די לאגע אין לאנד און אין פארלאמענט איז טאקע זעהר א געשפאנטע. דער זעלבער מוסאליני, וועלכער האט אין סעפטעמבער נאך געקאנט דערקלערען: „די רעגירונג איז שטארק, און איך בין נאך שטארקער", האט שוין דעם 22טען נאוועמבער געמוזט מודה זיין, אז צווישען דער באפעלקערונג און צווישען דעם פאשיזם איז געווארען א תהום. מיט אנדערע ווערטער — דער פאשיזם באזיצט נאך וואפען, אבער נישט די נשמות...

וואס־זשע באטייט אט די פארמולע? זי באדייט, אז אפילו די שיכטען פון דער בורזשואזיע און דער עיקר פון דער קליין־בורזשואזיע, וועלכע האבען פארקויפט זייער נשמה דעם פאשיזם, כדי ער זאל זיי ארויסהעלפען פון סאציאלען קריזיס און ראטעווען פון דעם אנגרייפענדיגען פראלעטאריאט — אפילו זיי האבען איצט איינגעזעהן, אז דער פאשיזם איז באנקראט, אז דער פינאנץ־קריזיס און דער יקרות ווערען נאר פון טאג צו טאג אלץ שארפער... אט די מאטעריעלע לאגע רייסט עס אפ די באפעלקערונג פונ'ם פאשיזם. די אויפרעגונג אין די נישט סאציאליסטישע קרייזען צוליעב מאטעאטיס מארד איז געווען ניט בלויז פון ריין „אידעאליסטישע" טעמים; אויב די קליינבירגערליכע מאסען דערוואכען — איז דאס צוליעב זייער שווערער עקאנאמישער לאגע.

וועגען אט דער לאגע זאגט עדות דער קאטאסטראפאלער וואוקס פון די ברויט־פרייזען. וואס טוט די רעגירונג קעגען אט דער צרה? זי באפעלט צו באקען צוויי סארטען ברויט — פאר ארימע און פאר באמיטעלטע, פאר די לעצטע אהן א שום פרייז־באגרענעצונג. דאס האט נאר געפיהרט דערצו, אז דאס ברויט, וואס ווערט געבאקען פאר דער מעהרהייט־באפעלקערונג איז געווארען באדייטענד ערגער. איז געווארען א פאניק, און די רעגירונג האט זיך געפרואווט רופען א קאנפערענץ פון די קאאפעראטיוון. אבער דערפון איז אויך גאר נישט ארויסגעקומען, ווייל סיי ווי זיינען די גרעסטע פראדוצירער און קאנסום־קאאפעראטיוון שוין לאנג פארניכטעט דורך די פאשיסטען, און די מעהר אנגעזעהענע קאאפעראטיווען האבען בכלל ניט געהאט קיין חשק צו געהן מיטארבייטען מיט מערדער פון ארבייטער־קלאס.

אויב לאזען אין א זייט די לענדער, וואו די וואליוטא האט געליטען פון קאטאסטראפאלע ירידות, זיינען אין ערגעץ די לעבענס־מיטעל פרייזען ניט געשטיגען אזוי ווי אין איטאליע זייט דער פאשיסטישער הערשאפט. אויב אנגענומען די פרייזען פון יולי 1914 פאר 100, באקומען מיר אזעלכע אינדעקסען — אין 1919 יאהר — 281, אין 1920 — 441 און אין 1924 שוין — 512. און די פרייזען האלטען נאך אלץ אין איין שטייגען. עס איז איבעריג צו זאגען, אז מוסאליני טראכט אפילו ניט וועגען ארויפלייגען די לאסטען פון עקאנאמישען קריזיס אויף די פארמעגליכע קלאסען. פארקעהרט, מוסאליני האט אפגעשאפט דעם דירעקטען שטייער אויף ירושות, ער האט פארקלענערט די שטייער פון די גרויס אינדוסטריעלער אויף 3 מיליאן ליר, און ער האט אפגעשאפט דעם וויין־שטייער לטובת דעם דייפעל וויין־פראדוצענטען — און אין דער זעלבער צייט האט ער געלאזט הויבען די פרייזען אויף צוקער און קאווע. די לוינען פון די ארבייטער און מלוכה־באאמטע ווערען כסדר אראפגעדריקט — און דערביי ווערט פון די לוינען גענומען א הכנסה־שטייער; די פראפעסיאנעלע ארגאניזירטע ארבייטער ווערען אום'ברחמנות'דיג טעראריזירט פון די פאשיסטישע באנדעס; ארבייטער ווערען רעדוצירט אהן א שום פארוואס און פאר ווען. ווי לאנג קאן דען דויערען אזא לאגע?

די אפאזיציע, וועלכע נעהמט ארום אלע אויבענדערמאנטע פראקציעס (א חוץ די קאמוניסטען), דערקלערט צווישען אנדערעס:

„... דער פאשיזם האט געצוואונגען דאס לאנד אויסצוגעבען זיין גאנצע ענערגיע אין קאמף פאר עפענטליכער און פערזענליכער פרייהייט... עס האנדעלט זיך וועגען פראגען וואס ווי באלד זיי זיינען דערוועקט געווארען מוזען זיי ראדיקאל געלייזט ווערען. אויב דאס פאלק וויל נישט מפקיר זיין זיין צוקונפט... די אפאזיציע וועט נישט אפשטעלען איהר קאמף, ביז איטאליע וועט ווידער נישט דערווערבען איהר פולע פרייהייט". ווייטער ווייזט אן דער אויפרוף, אז נאך מאטעאטיס מארד האט זיך דער קאמף אין פארלאמענט ארויסגעוויזען פאר נישט גענוגענד און פיהרט אויס:

„דער פאשיסטישער רעזשים ליגט ווי א שווערע לאסט אויף איטאליען, און די אפטע לאנגע מאנאלאגען פון מוסאליני'ן ענדערען גארנישט אין דער לאגע... די לאגע ווערט אלץ בעסער פאר דער פלוטאקראטיע און אלץ ערגער פאר די גרויסע מאסען פון שטאט־ און דארף־ארבייטער, ווי אויך פאר דער ארבייטענדיגער אינטעליגענץ און פאר גרויסע שיכטען פון מיטעל־שטאנד און קליינבירגערטום... אן אויסוועג קאן זיין נאר אן אפיל צום לאנד, אונטער גאראנטירטער פרייהייט. אבער די פאשיסטישע רעגירונג קאן ניט געבען אזא גאראנטיע".

דער „אוואנטי", ארגאן פון די מאקסימאליסטען, וועלכער איז זייט דעם לעצטען פרעסע־דעקרעט שוין ביז דרייסיג מאל געווארען קאנפיסקירט, שרייבט: „נידער מיט דעם היינטיגען פארלאמענט! נידער מיט דער רעגירונג! מיר פאדערען אמנעסטיע פאר אלע קרבנות פונ'ם בירגער־קריג, וואס דער פאשיזם האט פראוואצירט. מיר פאדערען פרעסע־ און פאראיינס־פרייהייט, מיר ווילען אן אויפהער קעמפען געגען דער אראפדריקונג פון לוינען, געגען יקרות, געגען דער פאשיסטישער אליגארכיע, און פון די טאג־פאדערונגען ווילען מיר איבערגעהן צום „קאמף פאר אונזערע הויפט־פאדערונגען".

דער צ. ק. פון דער מאקסימאליסטישער פארטיי האט אין א ספעציעלער רעזאלוציע פארמולירט זיין שטעלונג צום איצטיגען קריזיס. די רעזאלוציע ווייזט אן, אז דער ארבייטער־קלאס געהט בראש פון דער גאנצער אנטי־פאשיסטישער באוועגונג, און ער דארף נישט דערלאזען, אז דער קריזיס זאל געלייזט ווערען לטובת דער רעאקציע. „די פרייהייט, אין וועלכער מיר נויטיגען זיך אזוי שטארק, וועט אונז נישט געגעבען ווערען אלס מתנה. זי מוז דעראבערט ווערען דורך אן אומענדליכען קאמף, דורך א קאמף, וועלכען מיר, סאציאליסטען, באטראכטען ווי אן אריינפיהר צו ווייטערדיגע ערָאבערונגען. דער ענדגילטיגער זיג פון ארבייטער־קלאס אין די איינציגע גאראנטי פאר פרייהייט, פרידען און ארדנונג — אין א נייער סאציאלער ארדנונג".

ווי מיר זעהען, זיינען די הויפט באדינגונגען פאר דעם צוזאמענברוך פונ'ם פאשיזם שוין רייף — סאי די אביעקטיווע סאי די סוביעקטיווע באדינגונגען.

אויב דער פאשיזם האלט זיך נאך ביי דער מאכט, איז עס נאר א דאנק צופעליגע קאניוקטור־לאגעס; מיר האבען דאך צו טאן מיט א באנדע אוואנטוריסטען, וועלכע ארבייטען מיט אומריינע מאטיווען און אומריינע מיטלען און קלאמערען זיך פאר דער מאכט נאך מעהר, ווייל זיי פיהלען און האבען מורא פאר דעם יום־הדין, וועלכער געהט און מוז אנקומען....

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

דער סטרייק פון די וואייט גודס ארבייטער ווערט געוואונען און נאך א משך פון זעקס וואכען סטרייקען געהען די ארבייטער צוריק אין די שעפער אויף די פאלגענדע געוואונענע קאנדיציאנען: 1) די אנערקענונג פון דער יוניאן; 2) א פופציג שטונדיגע ארבייטס־וואך; 3) דאפעלט באצאהלט פאר איבער־צייט; 4) א העכערונג אין שכירות פון ניט וועניגער ווי איין דאלאר צו וואך־ארבייטער און ניט וועניגער ווי צעהן פראצענט פאר שטיק־ארבייטער; 5) אפשאפונג פון קינדער־ארבייט.

⁂

נאך א לאנגען ליידען, איז ברודער אברהם שטיינבערג, דער סעקרעטאר און ביזנעס אייידזשענט פון דער קלאוק באטאן האל מייקערס יוניאן, געשטארבען. אלס רעזולטאט פון דעם וואס ער איז געשאסען געווארען פון א יוניאן מיטגליד הערי וואגנער. דער מערדער האט פאר דעם דיסטריקט אטארני דערצעהלט, ווי אזוי און פאר וואס ער איז דעם מארד באגאנגען. און עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז ער האט דאס געטאן, ווייל די קאנטראקטארס פון דיזען פאך, וועלכע האבען שרעקליך געהאסט ברודער שטיינבערג'ן, האבען איהם ניט נאר באאיינפלוסט און צוגערעדט דאס צו טאן, נאר האבען איהם אויך צוגעזאגט צו געבען פאר דיזען דזשאב די סומע פון פינף הונדערט דאלער. אין שייכות מיט די אויסזאגונגען פון דעם מערדער, הערי וואגנער, זיינען ארעסטירט געווארען די פאלגענדע קאנטראקטארס: א. פילקאו און זיין פארטנער אבא, פון 111 עלדרידזש סטריט, לואיס וויינשטיין, פון 447 איסט ניו יארק עווענו, ברוקלין, זאלאמאן וויינבערג, פון 620 סקענק עווענו און זאלאמאן ארענשטיין, פון 772 סקענק עווענו, ברוקלין.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

ווי עס ווייזט זיך ארויס, האט פרעזידענט קולידזש זעהר ווייניג געהארעוועט איבער זיין אינאגוראל ספיטש. ער האט ווידערהאלט דאס, וואס ער האט שוין הונדערטע מאל אונז געגעבען וויסען. ער וויל אמעריקא זאל זיין אין שלום מיט דער גאנצער וועלט, אבער פון דעסטוועגען דארף מען זעהן ניט געכאפט צו ווערען דרעמלענדיג, און האבען גענוג ביקסען, קאנאנען, קריגס שיפען, עראפלעינס, אום זיך צו באשיצען. ער איז איבערצייגט, אז אמעריקא קען ניט און טאר ניט בלייבען אפגעזונדערט פון דער וועלט, אבער מיט דער ליג און וועלשאפט וויל ער ניט האבען די מינדעסטע סגע ומגע. ער ווייס, אז די גאנצע רעגירונג ווערט אויסגעהאלטען פון דער ארבייט פון די ארבייטער, פון די, וואס שאפען, און דערפאר איז ער שטארק פאר דעם, אז די רייכע מולטי־מיליאנערען, זאלען וואס ווייניגער געטעקסט ווערען.

דאס איז אין קורצען דער אינהאלט פון דעם גאנצען ספיטש. אבער פון דעסטוועגען האט ער עס פארשטאנען אויסצוציהען פאר גאנצע פערציג מינוטען. ער האט, אלזא, גערעדט 40 מינוטען צופיל.

די סענסיישאן אבער פון דעם געדענקווירדיגען טאג, פון דעם 4טען מארטש, איז געווען זיין חבר פאר די נעקסטע פיער יאהר, דזשענעראל דאווז. ער, אלס דער טשערמאן פון סענאט, האט אין זיין ערשטען ארויסטריט געמאכט אויפמערקזאם דעם סענאט פאר זיינע פארשימעלטע סטאטוטען פון פארהאנדלען קהלישע אנגעלעגענהייטען. ער האט גערופען מיט די פיס, געקלאפט מיט די הענט, געסטראשעט זיי מיט'ן פינגער, פונקט ווי א דרדקי מלמד באנעהמט זיך מיט זיינע חדר־אינגלאך. אונזער וויס־פרעזידענט דאווז איז פונקט דער געגענזאץ פון פרעזידענט קולידזש. פונקט, ווי דער לעצטער איז אין זיין רעדען שלעפעריג, אזוי איז דער וויס־פרעזידענט פעפעריג. צוזאמען זיינען זיי א גוטע טים, און אונזער לאנד איז זיכער פאר די נעקסטע 4 יאהר אין די הענט פון אזא פיהרערשאפט.

דער טיפאטדאם סקאנדאל ווערט איצט נאך אמאל אויסגעדראשען אין די קאורטס. אבער מיט דעם אונטערשייד: ווען דער סענאט האט זיך געפאסט וועגען דעם, האט זיך דאס גאנצע לאנד אינטערעסירט, און גאר פיעלע האבען געגלויבט, אז כאטש אייניגע פון די גרויסע גנבים וועלען געהן אין דזשייל. איצט אבער אינטערעסירט זיך קיינער ניט מיט דעם, וואס עס קומט פאר אין קאורט, ווייל די מעהרסטע זיינען זיכער, אז, נאך אלעמען, וועט קיינעם ניט זיין האר'עלע געקרימט ווערען, און דאס עס קען זיך נאך אויסלאזען, אז די פאלס און די סינקלערס און די דאהעניס זאלען ערקלערט ווערען, אלס פאטריאטען, מיט וועלכע אמעריקא מעג שטאלצירען.

ווי עס איז אלזא געווען פאראויסצוזעהן, האבען די רעפובליקאנער סענאטארען, ווי לאפאלעט, ברוקהארט און אנדערע פארלארען זייערע כבוד'ע שטעלען אין די פארשיידענע קאמיטעס. דאס, וואס סענאטאר בארא האט זיך אנגענומען פאר זיי און גע'טענה'ט, אז עס איז זעהר שווער צו זאגען, ווער איז יא און ווער איז ניט א רעפובליקאנער, האט זיי ווייניג וואס געהאלפען. אויף פאליטישענס. פאר וועמען פאליטיקס מיינט די „קאריערע", קאנען אזעלכע אדער וועלכע עס איז אנדערע ארגומענטען גאנץ ווייניג ווירקען. סענאטארען האבען זיי די מאכט. באנוצען זיי זיך מיט איהר. אפענהערציג גערעדט, גלויב איך, אז ווען די ראדיקאלע סענאטארען וואלטען ארויסגעקומען די זיגער, און ניט די געשלאגענע, וואלטען זיי ניט בעסער געהאנדעלט.

אונזערע קאמוניסטען האבען ווידער אמאל ארויסגעוויזען, וואס פאר א געוואלדיגע רעוואלוציאנערען זיי זיינען אויף דעם מיטינג אין טאון האל, איינבארופען אלס פראטעסט געגען פארשיידענע רעגירונגען, וועלכע האלטען נאך אלץ פארשפארט זייערע פאליטישע געפאנגענער אין די פריזאנס. אין אזוי לאנג, ווי מען האט גערעדט וועגען אנדערע לענדער, וואס האנדלען אזוי בארבאריש, האבען די קאמוניסטען צוגעבאקעט. אזוי שנעל אבער, ווי עס איז געקומען די רייהע צו רוסלאנד, האבען אונזערע מאסקווער משרתים אויפגעהויבען א סקאנדאל, און ניט געלאזען דעם מיטינג ווייטער אנגעהן, וואס איז, נאטירליך, עכט קאמוניסטיש. דאס הייסט געמיין און פייג.

און דאך, דאס מאל טוט מיר די דאזיגע סקאנדאליעזע אויפפיהרונג פון אונזערע רויטע נארען באמת הנאה. אויף דעם מיטינג זיינען געווען גאר פיעל פון אונזערע אמעריקאנער ליבעראלען און ראדיקאלען, וועלכע האבען ביז נאך גאר ניט לאנג צוריק אונטערגעקאטערט מיט דעם באלשעוויזם. זיי האבען פון דעם מיטינג געמוזט דערזעהן זייערע ביז איצטיגע חברים אין דעם ריכטיגען ליכט. און זיי מוזען זיך איצט פיהלען גאנץ שלעכט, מיט וועמען זיי האבען זיך געחבר'ט, און ווי נאריש און פארבלענדעט זיי זיינען געווען.

דער פלאץ פאר דער פרעקטינער קאאפעראטיווער יוניאן־הויז איז שוין געקויפט. אונזערע בראנקסער קאנען לייכט אנקוקען דעם פלאץ. ווען זיי וועלען צוגעהן צו דעם בלאק צווישען [illegible]טע סטריט און 160טע סטריט, מאט און שערידאן עווענוס. דער גאנצער בלאק מיט זיין הויז און גארדענס און אויהיטאריומס וועט באלד זיין דער אייגענטום פון די 220 יוניאן מעמבערס, וואס וועלען דארטען זיך באזעצען. איך מיין, אז אפילו פאר די, וואס וואוינען ניט אין בראנקס, וואלט געלוינט ארויסצופאהרען און אנקוקען דעם פלאץ. זיי וועלען דאן בעסער זיך קאנען פארשטעלען, וואס פאר א הויז דאס וועט זיין. דער פלאץ אליין קאסט 170 טויזענט דאלער. אלעס צוזאמען, רעכענט מען, זאל דאס באטרעפען איבער א מיליאן דאלער, און אפשר קרוב צו צוויי מיליאן. בעלנים צו זיין פון די ערשטע, וואס זאלען פארנעמען וואוינונגען אין דעם הויז, זיינען דא א סך. און די, וואס האבען דאס נויטיגע געלט פאר דער ערשטער איינצאהלונג, דארפען עס ניט אפלעגען אין דער לאנגער באנק. זיי קאנען זיך נאך פארשפעטיגען.

אזא בלאק. זי האלט איהם פאר דער־לאזבאר נאר אין די וויכציגע אויסנאהם־פאלען.

בנוגע דער פארלאמענטארישער טאק־טיק האלט די אפאזיציע, אז ביסלאכ־ווייז האט זיך פארווישט די גרענעץ צווישען אונטערשטיצען א באשטימטע פאליטיק פון העריא׳ס רעגירונג און א סיסטעמאטישער צוזאמענארבייט מיט בירגערליכע פארטייען, וועלכע די פאר־טיי האט נישט געוואלט. דער גרענאד־לער קאנגרעס דארף צוריקפיהרען די פארטיי אויפ׳ן וועג פון זעלבסטשטענ־דיגער קלאסען־פאליטיק.

דעם זעלביגען 8טען פעברואר, ווען עס האט זיך געעפענט דער סאציאליס־טישער קאנגרעס אין גרענאדל, האט זיך אין פאריז געזאלט צונויפקומען א קאנ־גרעס פון דער סאציאליסטיש־קאמוניס־טישער פארטיי. דער טאג־אָרדנונג איז פאלגענדיגער: 1) באריכט און פאליטי־שע לאגע (רעפערענט — פאו לואי), 2) די אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ אין בערלין (רעפערענט — לעטראנזש), 3) פארלאמענטארישע טעטיגקייט (ער־נעסט לאפאן); 4) קאמונאלע וואהלען, 5) פארטיי־ביולעטין.

פון באריכט פון דער לעצטער זיצונג פון צ. ק. איז צו זעהן, אז דער איינ־פלוס פון דער פארטיי אין לאנד פאר־שטארקט זיך סיסטעמאטיש.

די דריי אויסגעשלאסענע מיטגלידער פון דער פראנצויזישער קאמ. פארטיי — מאנאט, ראזמער און דעלאגארד — האָ־בען זיך געווענדעט צו די דעלעגאטען פון לעצטען קאמ. פארטיי־קאנגרעס מיט אן אפענעם בריוו.

זיי דערקלערען, אז מען האט זיי אויסגעשלאסען נישט פאר א דיסיצפלין־ברוך, נאר פאר א „מאיעסטעטס־באליי־דיגונג" לגבי דעם פארטיי־אפאראט. „ארויסווייזען צו ווייניג דרך ארץ צו טרען אדער צו זוואנגע זשירא באטייט אין דער קאמ. פארטיי — אן אטענטאט אויף דער פארטיי און אויפ׳ן אינטער־נאציאנאל; דערפאר ווערט מען גע־שטעלט צום שאנד־סלופ אלס שונא פון פראלעטאריאט".

די פיהרער פון דער קאמ. פארטיי, — שרייבען מאנאט און זיינע חברים — באציהען זיך מיט פאראכטונג סיי צו דער ארבייטער־מאסע בכלל, סיי צו דער מאסע פארטיי־מיטגלידער. זיי באמיהען זיך גארנישט צו אנטוויקלען דעם קלאַ־סען־באוואוסטזיין פון דער מאסע. זיי הייסען איהר נאר זיין געהארכזאם. „אבער אויף אזא אופן דערציהט מען נישט קיין רעוואלוציאנערען". די דיק־טאטארישע געלוסטען פון די היינטיגע פארטיי־פיהרער זיינען „א כאראקטעריס־טישער שטריך פון קליינבירגערליכע פאָ־ליטיקער".

לויט דער מיינונג פון טרען און זשירא, ווערט, — אויב נישט היינט, איז מארגען אויסברעכען אין פראנקרייך די רעוואלוציע. און ווער ס׳צווייפעלט דער־רין, דער איז א פאררעטער. די מחברים פון בריוו האלטען, אז — איינס פון די ביידע: איז דאס נישט מעהר, ווי א בלאף, דאן באווייזט דאס די שוואכקייט פון די פיהרער; אויב זיי מיינען דאס אבער ערנסט, דאן איז א סכנה, אז זיי פיהרען די פארטיי צו א געפעהרליכען פוטש.

אבער אין דער פארטיי טאר מען וועגען דעם נישט רעדען. לאריא׳ס רע־זאלוציע, וואס האט פארנומען אן אנ־דערע שטעלונג, איז פארשריען געווארען נישט נאר אלס — א רעפארמיסטישע, נאר אלס — א „שענדליכע". זיין רע־זאלוציע וועגען פאשיזם האט די „הומא־ניטע" כאראקטעריזירט אלס — „סאָ־ציאל־פאשיסטישע", ווייל ער זאגט זיך אפ צו באטראכטען די גאנצע בורזשוא־זיע — רעכטע און לינקע, צוזאמען מיט די אנארכיסטען — אלס איין גע־שלאסענעם פאשיסטישען פראנט. לויט דער מיינונג פון די פיהרער פון דער קאמ. פארטיי, איז אלץ, וואס נישט קאָ־מוניסטיש, שוין — פאשיסטיש. די מחברים פון בריוו דערקלערען, אז די דאזיגע טאקטיק דערמאנט אן דער טאק־טיק פון יענעם נארישען פאסטוך, וואס האט אזוי לאנג געשריגען וועגען וואלף, ביז וואנען די וואכזאמקייט פון דער סטאדע איז אפגעשטומפט געווארען, אזוי אז ווען דער וואלף איז טאקע געקומען, האט איהם קיינער נישט באמערקט...

צום סוף זאגען מאנאט און חברים, אז זיי „האבען מורא פאר לעניניזם אן לענינען". זיי האבען מורא, אז מיט לענין׳ס נאמען אויף די ליפען פיהרען היינט די קאמוניסטען דעם אינטערנא־ציאנאלען פראלעטאריאט צו א מפלה.

ווער האט עס געפונען?

פארלארען א דימענטענעם שטיינדעל אין אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, 130 איסט 25טע סט. ווער עס האט דאס געפונען, איז געבעטען עס אפצו־ברענגען צום קאמפליינט־קלוירק, ברודער הייס, און ער וועט קריגען א באלוינונג.

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

לייבאוויץ, לאקאל 22, לעדזשער נומער 5. — פון אייער לעדזשער נומער איז קלאר, דאס איהר זיינט איינער פון די סאמע ערשטע, פון די, וועלכע האבען געבויט די יוניאן, און זיכער האט דער סעקרעטער פון אייער לאקאל זיך געדארפט מעהר היטען מיט זיינע ווערטער אין באצוג צו אייך, און אייך ניט אנרופען מיט דעם נאמען „עובר בטל". ניט אזוי דארף האנד־לען א יוניאן־פיהרער. ניט נאר אין באצוג צו אזא מיטגליד, ווי איהר, נאר צו יעדען מיטגליד דארף דער יוניאן־פיהרער זיך פארהאלטען מיט טאקט, און ניט מיינען, אז ער קען דער׳הרג׳ענען אירגענד וועלכען געגנער זייענדיג מיט א הארבען זידעל־ווארט. פארשטעהט זיך, אז די מיטגלי־דער גופא דארפען עס אויך נעהמען אין אנבא־טראכט, און ניט ווארפען שמוץ אויף זייערע פיהרער, מאכט ניט אויס, צי זיי זיינען איינ־פארשטאנען מיט זיי אדער ניט. אויב ניט איינ־פארשטאנען, קענען זיי און זאלען זיי געבען אויסדרוק צו זייערע מיינונגען אויף אן אנשטענדי־גען אופן. צו רופען איינעם חיפאקרים, דאס איז ניט קיין ארגומענט. אנשטאט צו געברויכען אזא ווארט איז פיל גלייכער צו ברענגען די נויטיגע פאקטען. דאן וועלען שוין די אנדערע אליין קענען אורטיילען. פארשטעהט אונז נאר גוט, פריינד לייבאוויץ. מיר מיינען דא ניט צו פארטיידיגען אייער סעקרעטער, ברודער פארטנאי. ער איז זיכער אומגערעכט; אפילו, ווען ער האט געהאט א שטיקעל עקסקיוז, האט ער דאך געדארפט זיך קענען קאנטראלירען, און שאנעווען זיין און אייער כבוד. איהר האט עס פארדינט ביי אייער יו־ניאן. אבער, פון דער אנדערער זייט, ליגט אויף אייך, אלס איינער פון די ראשונים, א גרויסע פליכט, צו געבען א ביישפיל די אנדערע, ווי צו דעבאטירען אויף א געלאסענעם און דאך איינ־דרוקספולען אופן. עס קאן זיין, אז דאס איז די אורזאכע ווארום איינעגע עלטערע מעמבערס, וואס קענען אייך אזוי גוט, און שעצען אייער לאנג־יעהריגע ארבייט, האבען דאס מאל געשוויגען. אפשר האבען זיי געפיהלט, דאס איהר מיט אייער אטאקע האט איבערגעקאפט די מאס. בקיצור, מיר געפינען, דאס דאס מאל זיינט איהר ניט אינגאנצען גערעכט. מיר האפען נאר, אז די פאר ווערטער פון אונזער זייט וועלען אויף זיך ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אייער סעקר־רעטער און פון אייער גאנצער מעמבערשיפ, און עס וועט ווי ווייט מעגליך נעהמען א סוף צו דעם קאמף מיט אלערליי זידעל־ווערטער אויף די מיטינגען.

ב. סאלאמאן. — אייער טענה, דאס די אינ־טערנעשאנאל וואלט געווען העכסט באליבט און געאכטעט, ווען זי וואלט אויסגעפיהרט די פראָ־גראם, וואס א געוויסער לאקאל האט זיך אדויי־נעגוסען אין קאפ, אלס דאס סאמע וויכטיגסטע, איז, מיר בעטען אייך אום ענטשולדיגונג, פשוט לעכערליך. עס קומט אויס, לויט אייער מיי־נונג, אז דער לאקאל זאל האבען די דעה איבער דער אינטערנעשאנאל; אז דער לאקאל זאל „באַ־שטימען די פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל. אין אנדערע ווערטער, אז א קליינער טייל פון א גרויסער ארגאניזאציע, זאל דיקטירען די פאָ־ליסי פון דער גאנצער ארגאניזאציע. זעהט איהר דען אליין ניט, ווי לעכערליך דאס איז? אויב דער לאקאל זאל באשטימען די פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל, דאן מיינט עס, אז די אינ־טערנעשאנאל זאל אויפהערען צו לעבען. לאמיר נעהמען א גאנץ קאנקרעטען ביישפיל. דער דזשע־נעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנע־שאנאל, נאך א טיפער גרינדליכער דיסקוסיע, און נעהמענדיג אין אנבאטראכט די אינטערעסען פון דער גאנצער ארגאניזאציע, ניט בלויז פון דעם אדער יענעם לאקאל, האט איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט פאר די פאראייניגונג פון צוויי לאקאלס אין איין לאקאל. פאסירט אזוי, אז איין לאקאל, צוליב אזא אדער אנדערער אורזאַ־כע, איז ניט צופרידען מיט דעם באשלוס. פרע־גען מיר אייך, האט עס עפעס א זין, אז אזא לאקאל זאל ארויסקומען מיט דעם פארלאנג, אז דער ג. ע. ב. זאל טאן, וואס ער דענקט, אז עס איז נויטיג, און, ווען ניט, טויג ניט די אינטערנע־שאנאל, און מען מוז איהר באקעמפען? ניין, א לאקאל, וואס פארשטעהט די וויכטיגקייט פון דער אינטערנעשאנאל, און וואס ווייס, אז ער איז בלויז א טייל פון דער ארגאניזאציע, וועט אויספאלגען דעם באשלוס, און ווארט, ביז ער וועט איבערציינגען אלע איבעריגע אין דער גערעכ־טיגקייט פון זיין פאדערונג, האלטען זיך ביי דער פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל. איהר וועט, נאר אביסעלע איבערלעגענדיג זיך, איינזעהן, אז אנדערש קען עס ניט זיין. אז נאר אויף אזא אופן קען אן ארגאניזאציע האבען א קיום. וועל־כע יוניאן וואלט געקאנט לעבען איין טאג, ווען יעדער פון איהרע מיטגלידער באזונדער, וואלט באשטאנען צו זיין דער דיקטאטאר פון איהרע פיהרונגען? אזא יוניאן וואלט געווען א משוגעים־הויז. דאס זעלבע איז דער פאל מיט פראפאר־שיאנעל רעפרעזענטיישאן אין דזשאינט באארד. מיר וועלען מיט אייך ניט דיסקוטירען, צי די פאדערונג איז א גערעכטע, צי ניט. עס איז דא וואס צו זאגען, פאר און דאקעגען. וויכטיג איז אבער דאס, וואס דערווייל איז דער דזשאינט באארד צוזאמענגעשטעלט אויף אזא מיט שטיי־נער, און אז דאס איז די אלגעמיינע אנגענומענע פאליסי, וועלכע נאר די קאנווענשאן קען ענדע־רען. איז אט ביז דאן, קאן ניט קומען קיין לאָ־קאל און מאכען קולות פאר פראפארשיאנעל רעפ־רעזענטיישאן און פארדאמען און אונטערגראבען די אינטערנעשאנאל, ווארום זי פיהרט עס ניט איין. א לאיאלער לאקאל וועט זיך האלטען ביי די פאליסים פון דער אינטערנעשאנאל, ביז זיי וועלען געענדערט ווערען, כאטש ער מעג און זאָל אויך אן אנשטענדיגען און עהרליכען אופן אגי־טירען סיי צווישען זיינע איינענע מעמבערס, און סיי פאר דער אלגעמיינער מעמבערשיפ דאס, וואס ער האלט פאר נויטיג ניט בלויז פאר זיך, נאר פאר די גאנצע אינטערנעשאנאל.

וואלף אייזנער. — עס טוט אונז לייד, דאס איהר פאלגט ניט נאך גאנץ אויפמערקזאם די טעטיגקייטען פון אייער יוניאן. אין מאי, 1924, איז אפגעהאלטען געווארען אין באסטאן א קאנ־ווענשאן פון אייער אינטערנעשאנאל, אויף וועל־כער די פראגע פון אומאבהענגיגער פאליטישער אקציאן איז גאנץ גרינדליך דיסקוטירט געווא־רען און ענדליך אויך גוטגעהייסען געווארען. די קאנווענשאן האט מיט זיך רעפרעזענטירט די גאנצע מעמבערשיפ, הייסט עס, אז די גאנצע מעמבערשיפ האט זיך ארויסגעזאגט פאר דעם. מעגליך, אז איינצעלנע זיינען געווען און זיינען פון אנאנדער מיינונג. אבער דאס ענדערט ניט אויף א האר די וויכטיגקייט פון דעם באשלוס. מעגליך, אז איהר דענקט, דאס אין אזא פאל וואלט מען בעדארפט האבען א רעפערענדום־וואוט, דענקען מיר אבער ניט, אז איהר זיינט גערעכט. ווארום זאל די פראגע, וואס איז נאך אלעמען, ניט אזא וויכטיגע, מוזען ענטשיידען ווע־רען דורך א רעפערענדום־וואוט, און פראגען, וואס זיינען פון דעם העכסטען אינטערעס פאר די יו־ניאן, זאלען קענען ענטשידען ווערען פון דער קאנווענשאן? ווארום נעהמען מיר אן אין די וויכטיגסטע פראגען פאר דער יוניאן די קאנווענ־שאן פאר די אמת׳ע רעפרעזענטאנטין פון דער גאנצער מעמבערשיפ, און בלויז אין דער פאלי־טישער פראגע, — וועלכע איז אין דער אמת׳ן א ווייטיגע פראגע, זאלען מיר מוזען האבען א רעפערענדום? א חוץ דעם, וואס קען אויס־טאן אין אזא פאל דער רעפערענדום? אנגענו־מען, אז די מאיאריטעט איז פאר פאליטישע אומאבהענגיגע אקציאן, קען דען די יוניאן אייך צווינגען אין דעם פאל צו פאלגען דעם באשלוס פון דער מאיאריטעט? און דער באשלוס פון דער קאנווענשאן דארף אויך ניט פארשטאנען ווע־רען, אלס א הלכה למשה מסיני, נאר ניכער אלס א רעקאמענדיישאן, ווייל די מעמבערשיפ אנגעה־מען די רעקאמענדיישאן, איז רעכט. און ווייל זי ניט, קען איהר קיינער ניט צווינגען, ווייל פאר־געסט ניט, אז אונזער אינטערנעשאנאל האט ניט און קען ניט האבען צו טאן מיט פאליטיקס.

א. אסטראווסקי, דירעקטאר קונסט־שול עדיוקיישאנאל אלייענס. — מיר בעטען אייך ניט אויסצוטייטשען אונזער פעהלען צו דעם לאנטשאן, צו די פארשטעהער פון ארביי־טער־ארגאניזאציעס, צו וועלכען איהר האט אונז איינגעלאדען, אלס א סמן פון גלייכגילטיגקייט צו אייער ארבייט. פונקט פארקעהרט, מיר האל־טען אייער ארבייט פאר א העכסט וויכטיגע, פיל וויכטיגער, ווי פילע אנדערע, וואס מאכען אזא געפילדער אין אונזער נאס. ווארים, נאך אלע־מען, איז דער ציל פון אייער טעטיגקייט — צו מא־כען אונזערע זיהן און טעכטער זעהן די וועלט מיט די אויגען פון קינסטלער, און ניט מיט די אויגען פון איינפאכע בעלי־מלאכות, — דער גרעס־טער וואס קאן נאר זיין. עס איז דער פלוך פון אונזער צייט און פון אונזער ציוויליזאציע, וואס אלעס איז כמעט רעדוצירט געווארען צו דער מדרגה פון מלאכה, וואס דאס רויבט אוועק דעם גאנצען זין און חן פון לעבען. איהר, מיט אייער טעטיגקייט, זיינט דארום איינער פון די וויכטיגסטע קולטור פאקטארען אין אונזער לעבען, און מיר קענען עס ניט שעצען צו הויך. און מיר האבען דארום זעהר און זעהר געוואלט זיין צו אייער לאנטשאן, און טאקע דארט גופא גע־בען אייך דעם פארדינטען יישר כח און אויך צוזאגען אייך צו טאן אלעס, וואס מיר זיינען נאר אין שטאנד, צו העלפען אייך אין אייער גרויסער ארבייט. עס האט זיך אבער אזוי גע־מאכט, דאס מיר האבען זיך שטארק פארשפע־טיגט. מיר בעטען אייך דארום אונז צו ענט־שולדיגען און מיר זאגען אייך צו, דאס ווען נאר מיר וועלען אייך קענען העלפען דורך די „גערעכטיגקייט", וועלען מיר עס טאן מיט דעם גרעסטען פארגעניגען.

ב. ליכטענשיין. — איהר זיינט ניט גאנץ ריכטיג אינפארמירט. עס איז ניט געווען בלויז די טעגליכע פרעסע, וועלכע האט געמאכט א רעש, ווי איהר דריקט זיך אויס, וועגען גאמפערס׳ן. אויך די גאנצע מאנאטליכע פרעסע האט אפגערו־פען זיך ווארעם וועגען איהם. נעהמט דעם „אט־לאנטיק מאנטהלי" פון מארטש, וועט איהר דארט געפינען אן אויסגעצייכענטע אפהאנדלונג וועגען גאמפערס׳ן פון בענדזשאמין שטאלבערג. אין דער דאזיגער אפשעצונג ווייזט מר. שטאלבערג ארויס א גרינדליכע קענטניס פון גאמפערס, דעם מענ־שען און דעם פיהרער. ער מיינט, אז גאמפערס און די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג זיי־נען געווען איין גוף און איין נשמה. ער זאגט, עס איז פונקט אזוי שווער אפצושיידען גאמ־פערס׳ן פון דער אמעריקאנער ארבייטער באווע־גונג, ווי עס איז שווער אפצושיידען משה רבינו פון די אידען, אין די פערציג יאהר, ווען זיי האבען געבלאנדזשעט אין דער מדבר. מיר רא־טען אייך דעם ארטיקעל איבערצולייענען. א צווייטער, זעהר לעזענסווערטער ארטיקעל איז פארעפענטליכט געווארען פון פראנק טעננענבוים אין „סערוועי גראפיק" פון מאנאט יאנואר. דער ארטיקעל איז אינטערעסאנט דערפאר ווייל דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס דער שרייבער איז געווען אויף א קאנווענשאן פון דער אמערי־קאן פעדעריישאן אוו לייבאר. אויך דעם ארטי־קעל איז זעהר כדאי איבערצולייענען. איהר מוזט דאך אודאי וויסען דאס מר. טעננענבוים איז מיט איינינע יאהר צוריק געווען א ביטערער געגנער פון גאמפערס׳ן און זיין גאנצער פאליסי. אויך ווערט אין דעם ארטיקעל זעהר שעהן און לעבעדיג געשילדערט די גרויסע און זעהר וויכ־טיגע ראלע וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט געשפילט אויף דער קאנווענשאן. בקיצור, גאמ־פערס׳עס טויט איז ניט געווען א „נעיע סענסא־ציע", ווי איהר דענקט. די גאנצע ערנסטע אמע־ריקאנער פרעסע האט באהאנדעלט די טעמע גאמ־פערס מיט דעם טיפסטען ערנסט. דאס זעלבע איז אויך דער פאל מיט דער פרעסע אין יור־ראפ.

ט. ס. — דאס לעצטע וועט ניט פארעפענט־ליכט ווערען. עס איז אביסעל קעלבערנע התפעלות וועגען גארניט. דאס איז ווייניגסטענס אונזער מיינונג.

ה. קעלי. — אייער און די פון אנדערע גענאסען פארזוך צו גרינדען א קראפאטקין מע־מאריעל סאסייעטי, צו זארגען ערשטענס פאר דעם קראפאטקין מוזעאום אין מאסקווע און צווייטענס צו פארברייטען זיינע לעהרען, האט זעלבסט־פארשטענדליך אונזער טיפסטע סימפאטיע. אי־בעריג צו זאגען, דאס מיר, פון אונזער זייט, וועלען אייך העלפען מיט וואס מיר וועלען נאר קענען. מיר וועלען זיכער קומען צום באנקעט פאר דעם צוועק, דעם 22טען מארטש, מאנטאג אווענט, אין קאפע בולווארד, 41טע סטריט און בראדוויי, וואו מיר וועלען אי זעהר גוט פאר־ברענגען און אי אויפטאן עטוואס זעהר גוטעס.

פ. געליבטער. — מיר וועלען זיכער אייך צושיקען אונזער ביישטייער צום יוביליאום נומער „פריינד". אונזער ערשטע פרייע שטונדע וועלען מיר אפגעבען פאר דעם. א דאנק פאר ניט פארגעסען אן אונז. מיר באטראכטען אייער איינלאדונג פאר א גרויסען כבוד.

ז. ט. — מיר ווילען זיין מיט אייך גאנץ אפענהערציג, מיר האבען ניט דעם מינדעסטען אינטערעס פאר אייער אונטערנעהמונג, און, נאַ־טירליך, קענען מיר ניט רעקאמענדירען אנדערע זיך צו באטייליגען אין איהר.

ב. לעווין. — יע, עס פאסירט אמאל ווען עס זיינען גאר קיין בריף פון אונזערע לעזער אין דער „גערעכטיגקייט", אבער דאס מיינט ניט אלע־מאל אז מיר האבען זיי, נאר ווילען זיי ניט דרוקען. עס טרעפט אויך, מענשען שרייבען ניט. אדער זיי זיינען ביזי, אדער זיי פוילען זיך אונטער. פון פאבריצירען בריף האלטען מיר ניט. יע, מיר האלטען עס פאר א פאר־ברעכען.

ב. גרינפעלד. — קיינע פריווילעגירטע וועלען ניט זיין. ווער עס וועט קומען צוערשט, ערפילענדיג די געפאדערטע באדינגונגען, דער וועט זיין איינער פון די איינוואוינער. נאטיר־ליך, וועלען אויך יוניאן בעאמטע געניסען דאס זעלבע רעכט. זיינען זיי דאך אויך מעמבערס, און קיינער קאן פון זיי דאס רעכט ניט אוועק־נעהמען.

דער צוזאמענקונפט פון סטו־דענטען און לעהרער פון די א. ל. ג. ו. י. קלאסען, שבת אווענט, דעם 28טען מארטש

אין דיינינג־רום פון דער וואשינג־טאן אירווינג האי סקול, שבת, דעם 28טען מארטש, 7 אזייגער אין אווענט, וועט זיין דער צוזאמענקונפט פון די שי־לער און די לעהרער.

ביי דער געלעגענהייט, וועלען גע־וועזענע און איצטיגע שילער פון אונזער ארבייטער־אוניווערזיטעט, יוניטי סענ־טערס און פון די וואס באזוכען אנדערע קלאסען, זיך צוזאמענקומען מיט זייערע פריינד און אונזערע לעהרער און מיט־באמטע פון אונזער יוניאן צו פאר־ברייניגען א פאר שטונדען אין פארגעניגען אין גוטער געזעלשאפט, און וועלען אויך געניסען געשמאקע „רעפרעשמענטס".

דער אווענט וועט זיך ענדיגען מיט טענץ אין דזשימנייזיום אויף דעם זעל־בען פלאר.

דער צוזאמענקונפט ווערט אראנ־זשירט פונ׳ם סטודענטען קאונסיל, וועל־כער איז צוזאמענגעשטעלט פון פאר־טרעטער פון אונזערע קלאסען. אום צו דעקען א טייל פון די אויסגאבען, האט די קאמיטע באשלאסען צו רעכענען 35 סענט איינטרים־געלט.

רעזערוויישאנס קען שוין געמאכט ווערען. מען קען זיך ווענדען פערזענליך אדער דורך א בריף פאר טיקעטס צו אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

אזוי ווי עס ווערט ערווארטעט אז פיעל מעהר וועלען זיך ווענדען נאך טי־קעטס, ווי עס איז דא פלאץ, דארום האט די קאמיטע באשלאסען צו געבען פאר־צוג צו אונזערע איצטיגע און געוועזענע שילער.

נעקיינקס, אז דער צוזאמענקונפט איז שבת אווענט, דעם 28טען מארטש, מאכט קיינע אנדערע אראנזשמענטס.

פון אַנדערע צייטונגען

פון ל. פינקעלשטיין

מיר דרוקען דאָ איבער אַן אינטע־
רעסאַנטען אַרטיקעל פון דעם אָפיציעלען
אָרגאַן פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אין
אַמעריקע, „דער אידישער אַרבייטער“.
דאָס איז אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ארץ־
ישראל, פון איינעם, וואָס שרייבט זיך
אונטער. ט. כ ס פ י.

אין דעם אַרטיקעל ווערט געשילדערט
דער קלאַסען־קאַמף, וואָס קומט פאָר אין
די קאָלאָניעס פון ארץ־ישראל. דאָס
איז ווידער אַמאָל אַ באַשטעטיגונג, אַז
ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַרויס־
קוועטשען פון די אַרבייטער גרעסערע
פּראָפיטען, ווייסען ניט די עקספּלואַטאַ־
טאָרס פון קיין „העבּרעער מאָראַל“ און
האַלטען ניט פון פּרינציפּען; אַז דערביי
שפּילט ניט קיין ראָלע דער „נאַציאָנאַ־
לער געפיהל“ אָדער אירגענד אַן אַנדער
געפיהל. די געלט־האַבזוכט פאַרשלינגט
אַלעס! דער חשק צו וואָס גרעסערע
פּראָפיטען פאַרשטופּט אין אָפּגרונט אַלע
שעהנע מעשיות וועגען נאַציאָנאַליזם און
פּאַטריאָטיזם, און אויב די אַרבייטער
זיינען נאָר ניט ריכטיג אָרגאַניזירט,
מעגט איהר זיכער זיין, אַז זיי וועלען
ווערען עקספּלואַטירט אויפ'ן ערגסטען
שטייגער, וואו זיי זאָלען זיך ניט גע־
פינען — אין ארץ־ישראל אַזוי גוט ווי
אין אירגענד וועלכען אַנדער לאַנד.

אין דער קאָרעספּאָנדענץ איז באַזונ־
דערס כאַראַקטעריסטיש, ווי אַזוי די
געלט־דורשטיגע עקספּלואַטאַטאָרס פון
ארץ־ישראל געפינען אַ היילינגען נאָמען
צו פאַרדעקען די עקספּלואַטאַציע. ווי
אַ שטייגער, ווען עס ווערען דאָרט גע־
בויט הייזער, פאַר וועלכע די אייגענ־
טימער „רייסען אַ פּאַס פאַר דירה־געלט“,
ווערט עס אָנגערופען „בנין הארץ“ אָדער
„גאולת הקרקע“, און אין נאָמען פון אָט
דעם „בנין הארץ“ שינדט מען די הויט
פון די אַרבייטער ביי די בילדינגס אויפ'ן
ערגסטען אופן. און ווען די אַרבייטער
פּראָטעסטירען געגען דער עקספּלואַטאַ־
ציע, פאַרשרייט מען זיי אַלס „באָלשע־
וויקעס“ און „סקאַנדאַליסטען“.

אָט איז דער אַרטיקעל, ווי ער
שטעהט און געהט:

סטרייקס און לאַקאַוטס אין ארץ ישראל

אַמאָל זיינען געווען סטרייקען, איצט
לאַקאַוטען.

אין זיין צייט האָב איך באַשריבען
ווי דער תל־אביב'ער אַרבייטער־ראַט
האָט זיך גענומען אינטענסיוו צו רעגו־
לירען דעם אַרבייטס־מאַרק. די דאָזיגע
רעגולאַציע האָט געפאָדערט אַרויסרופען
אַ גרויסע צאָהל סטרייקען, וואָס זיינען
געווען אומבאַדינגט נויטיג פאַר דעם
צוועק. צום סוף האָט דער אַרבייטער־
ראַט איבערגעהאַקט אויף איניגע וואָכען
זיין טעטיגקייט, צו פאַרדאַנקען די
הבטחות, וועלכע דער ועד פון די אונ־
טערנעמער האָט געגעבען, אַז אין פאַר־
לויף פון אַ קורצער צייט וועט געגעבען
ווערען אַן ענטפער אויף אַלע הסתדרות־
פאָדערונגען.

די אונטערנעמער האָבען אָפּגעוואָר־
פען די פאָדערונגען, און אַלס ווייטער־
דיגער רעזולטאַט זיינען ערקלערט געוואָ־
רען נאָך איניגע סטרייקס. אָבער, אַלס
ענטפער אויף די דאָזיגע סטרייקס, איז
אַרויסגערופען געוואָרען אַ לאַקאַוט...

צום טאָג וואָס איך שרייב די דאָזיגע
שורות, האָט דער לאַקאַוט אָנגעריהרט אַ
פיר הונדערט אַרבייטער, און וועדליג די
קלאַנגען וואָס פאַרשפּרייטען זיך, דאַרף
מען רעכענען, אַז דער קאַמף צוואַקסט
זיך ערשט, און אַז ס'איז נאָך פאַר־
לויפיג דער פּראָלאָג פון דער געשיכטע.
עס איז כדאי צו געבען אַ שטיקעל אָפּ־
שאַצונג דער דאָזיגער נייער ערשיינונג
אינ'ם היגען לעבען, וואָס קען זיך פאַר־
לויפען בלויז אין תל־אביב.

די סבה, וואָס דוקא אין תל־אביב
איז אַזוי שטאַרק אַנטוויקעלט דער קלאַ־
סען־קאַמף, איז גאַנץ נאַטירליך. תל־
אביב איז אַ שטאָדט, וואָס נעמט אַריין
אין זיך טאָג־טעגליך גרויסע צאָהלען
נייע אַרבייטער, וועלכע זיינען ניט אָר־
גאַניזירט. די דאָזיגע נייע אַרבייטער
זיינען גרייט צו געהן אַרבייטען צום ער־
שטען בעסטען אונטערנעמער אויף די
ערגסטע באַדינגונגען. און די „בויער
פונ'ם לאַנד“ — די אונטערנעמער —
זאָגען זיך דוקא ניט אָפּ פון זייערע
אַפּעטיטען, און נוצען דעם אַרבייטער
אויס אויפ'ן שענדליכסטען אופן. ווי
נאָר וואָלט געווען דער גאַנצער ענין,
ווען ניט דער יפו'ער אַרבייטער־ראַט זאָל
זיך אָוועקשטעלען אַלס ציל צו אָרגאַ־
ניזירען די דאָזיגע אַרבייטער און באַ־
שיצען זיי פון דעם מין שקלאַפעריי.

ביי אונז אין לאַנד, אינ'ם פּלאַץ
וואו עס איז נאָך ניטאָ קיין שום געזעצ־
געבונג, ווערט יעדע איינציגע עלעמענ־
טאַרע פאָדערונג אָנגערופען „באָלשע־
וויזם“, פּויסט־הערשאַפט און אַנדערע
קונציגע נעמען, וועלכע זיינען זעהר צו־
געפּאַסט צו דער נייער קאָניונקטור אין
לאַנד פון מעקלעריי און ספּעקולאַציע,
וואָס האָט אָנגענומען אַן עקעלהאַפטען
כאַראַקטער.

און אַלץ ווערט געוועהנליך געטאָן
אונטער'ן הייליגען נאָמען פון „בנין
הארץ“ און „גאולת הקרקע“. הייזער
ווערען געבויט ניט צוליב דעם, חלילה,
וואָס מען זאָל קענען רייסען אַ פּאַס פאַר
דירה־געלט מיט אומערהערטע פּרייזען,
נאָר צוליב בנין הארץ. אַ שטיקעל באָ־
דען זאָל דורכגעהן צעהנדליגע הענט, איז
ניט קיין ספּעקולאַציע, חלילה, נאָר
„גאולת הארץ“. דאָס זעלבע איז אויך
מיט'ן לאַקאַוט. אויך דאָ איז פאַראַן
דער כשר'ער מאַנטעל מיט וואָס צו פאַר־
דעקן זיך די שאַנדע. „די אַרבייטער
שטערען. עס איז אַ דיקטאַטור. עס
הערשט דער קולאַק“ וכדומה אַזעלכע
פּראָוואָקאַטאָרישע מיטלען, כדי צו אויפ־
רייצען די געזעלשאַפטליכע מיינונג גע־
גען די דאָזיגע „סקאַנדאַליסטען“.

און אַזוי ווערט יעדע איינציגע עלע־
מענטאַרסטע פאָדערונג, וואָס איז שוין
נאָכגעגעבען אין דער רעאַקציאָנערסטער
מדינה פון יאָהרען, ערקלערט פאַר אַ
געפעהרליכער „סאָציאַלע רעוואָלוציע“,
וועלכע מען דאַרף באַקעמפען.

דער קאַמף האָט זיך צופלאַקערט, עס
זיינען אויך דאָ אונטערשטיצער, וואָס
ערמוטיגען די דאָזיגע קעמפער פון ספּע־
קולאַנטען און מעקלער־פאַראיין. די גע־
לע פּרעסע ווינשט זיי אַ יישר־כח אַ
שטאַרקען, אַז פאַר די ספּעקולאַציעס אי
פאַר'ן לאַקאַוט און ווינשט זיי אַ גוטען
אָנפאַנג. און מיט אַ פּראַגע פון אַ רעטער
פּרעגט זי ביי די דאָזיגע בורזשויען:
„פאַר וואָס זאָלט איהר זיך ענדליך ניט
אָרגאַניזירען אין אַ שטאַרקען בורזשואַזען
קלאַס, אַזוי ווי אין ענגלאַנד, פראַנקרייך,
איטאַליען א. אז. וו. אונטער'ן ווייסען
פאָהן?“. מיט אַלע מיטלען פון אינ־
טריגעס און שקרים פּרוּווט מען נאָך
צו מאַכען שפּאַלטונגען צווישען דער אַר־
בייטערשאַפט זעלבסט. צוליב דעם
צוועק שאַפט מען זיך פּאַראַלעלע אָנ־
שטאַלטען מיט די זעלבע נעמען פון
„הסתדרות“, כדי צו זעהן אַריינ'גנב'ע־
נען „געטרייע אַרבייטער“, וועלכע זאָלען
זיך לאָזען שערען אַזוי ווי די לעמעלאך
פון די געטרייע ברויט־געבער.

צום גליק, העלפט דאָס אָבער אַלץ
ווי אַ טויטען באַנקעס, און מען קען
אויך האָפען אויף ווייטער, אַז אַזעלכע
פּראָוואָקאַציעס וועט דער היגער אַרביי־
טער גלייך דערקענען. דעריבער הערשט
צווישען דער אַרבייטערשאַפט אַ גוטע
שטימונג, און עס איז באַשלאָסען געוואָ־
רען צו שאַפען אַ ספּעציעלען פאָנד פאַר
די חברים, וועלכע דער לאַקאַוט האָט
אָנגעריהרט. ניט נאָר אין יפו און תל־
אביב איז די שטימונג אַזאַ, נאָר אויך
דער ירושלים'ער אַרבייטער־ראַט אויף
זיין לעצטער זיצונג באַטראַכטענדיג די
פראַגע וועגען דעם, האָט אָנגענומען אַ
רעזאָלוציע פון סאָלידאַריטעט־אויסדרוק
און צו שאַפען אַ געהעריגע שטיצע פאַר
דעם פאָנד.

צו ליקווידירען דעם לאַקאַוט, האָבען
זיך גלייך אַריינגעמישט איניגע אָנ־
שטאַלטען, נאָר צו קיינע פּאָזיטיווע רע־
זולטאַטען האָט דאָס ניט געבראַכט.
אַזוי האָט תל אביב'ער שטאָדט־פאַרוואַל־
טונג איינגעלאַדען ביידע צדדים צו אַן
אויסגלייך. די פאָרשטעהער פון די אונ־
טערנעמער האָבען אויף דער זיצונג גע־
פאָדערט איין קלייניגקייט: אַז די רע־
גירונג, די שטאָדט־פאַרוואַלטונג, און
בכלל דער גאַנצער ישוב זאָל זיי גאַ־
ראַנטירען, אַז עס וועלען מעהר
קיין סטרייקס ניט פאָרקומען. אויף דער
פראַגע, צי וועלען זיי באַצאָהלען פאַר די
פאַרלאָרענע אַרבייטס־טעג צוליב דעם
לאַקאַוט, וואָס איז געקומען אָהן אַ פריי־
הערדיגער מעלדונג, איז געגעבען געוואָ־
רען אַ נעגאַטיווער ענטפער. און דער
דאָזיגער פּונקט איז אָוועקגעשטעלט גע־
וואָרען פונ'ם אַרבייטער־ראַט אַלס ער־
שטער תנאי, ביי וואָסערע ניט איז פאַר־
האַנדלונגען און פאַרגלייכונגען.

סוף־סוף וועט דער לאַקאַוט פאַר־
ענדיגט ווערען, וואָרום דער דריטער צד,
וועלכער איז פאַרמישט אין דעם ענין,
איז פאַראינטערעסירט וואָס גיכער זיין
הויז צו פאַרענדיגען, כדי וואָס גיכער צו
פאַרדינגען. און אַ גרויסער טייל פון
די דאָזיגע בעלי־בתים פאַרשטעהען דוקא
גאַנץ גוט די צילען און כוונות פון די
אונטערנעמער און זיינען דעריבער אַב־
סאָלוט געגען דעם לאַקאַוט. פיל פון זיי
האָבען זאָגאַר געמעלדעט זייערע אונ־
טערנעמער, אַז אין פאַל ווען די אַרבייט
פאַנגט זיך ניט אָן תיכף, גיבען זיי אַי־
בער די אַרבייט אין אַנדערע פלעצער.

פון דעם אַלעמען איז דאָ צו האָפען,
אַז די אַלע פּלענער פון די דאָזיגע אינ־
טריגאַנטען פון די באַוואוסטע „אַרבייטס־
געבערישע“ פירמעס — וועט זיך היינ־
טיגס מאָל אויסלאָזען פּונקט דאָס וואָס
אַלעמאָל...

נאָכדעם ווי דער „הפועל המזרחי“
איז אַריין אין די רייהען פון דער
הסתדרות הכללית, האָבען זיי אַנטוויי־
קעלט אַ גרויסע קולטורעלע טעטיגקייט
צווישען זייערע חברים. אָווענד־קורסען
וואו עס ווערען געלערנט פאַרשיידענע
זאַכען, זיינען געעפענט געוואָרען אין
פאַרשיידענע פּונקטען; אויך האָבען זיי
געשאַפען אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע
„האהלה“. דער ערשטער נומער מאַכט
אַ גוטען איינדרוק, איבערהויפּט ווערט
דאָרט אָפּגעשאַצט דער נייער שריט,
וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון זיי אין
צוזאַמענהאַנג מיט זייער אַנשליסען זיך
אין הסתדרות. אַ גענויער באַריכט ווע־
גען דער לעצטער קאָנפערענץ זייערער
פון פתח־תקוה, ווי אויך אַ רייכע כראָ־
ניק פון די פלעצער. עס זעהט זיך
ערשט אַרויס, ווי ווייט דער „מזרחי“
איז געווען מסוגל צו געהן האַנד ביי
האַנד מיט די דאָזיגע אַרבייטס־עלעמענ־
טען, ווי ווייט דאָס לייזען איז געווען
גרויס, און ווי הויך דער רעספּעקט פון
די אַפּוטרופּסים האָט דערגרייכט. עס
פיהלט זיך ווי די מענשען וואָלטען באמת
פרייער אָפּגעאָטעמט, אַראָפּוואַרפענדיג
פון זיך דעם יאָך פון די מזרחי־פאַרזאָר־
גער, און אין די קאָרעספּאָנדענצען פון די
ערטער, ווי פון שטאָדט אַזוי פון דאָרף,
דערציילט זיך מיט גרויס צופרידענהייט
וועגען די שנויים, וואָס זיינען אַריינגע־
בראַכט געוואָרען אין זייערע פלעצער, צו
פאַרדאַנקען די געהעריגע אויפמערקזאַמ־
קייט פון די הסתדרות־אָרגאַנען. דאָ
ווערט דערציילט פון נייע קיכען, וואָס
דער „המשביר“ האָט איינגעאָרדענט,
דוקא כשר'ע...

צום סוף פון דער בראָשור איז דאָ
אַן אויפרוף צו די רעליגיעזע אַרבייטער,
צו אַנשליסען זיך אין זייערע רייהען און
נאָכפאָלגען זייער שריט. ביז היינטיגען
טאָג זיינען 99 פּראָצענט שוין אַריין אין
הסתדרות הכללית, און דערמיט קען מען
זאָגען האָט זיך פאַרענדיגט אַ געוויסער
בלאַף פונ'ם אַלוועלטליכען מזרחי...

ט. כ ס פ י.

ירושלים, י"ד שבט.

און דאָ גיבען מיר איבער אַ אינטע־
רעסאַנטען באַריכט פון דער אַרבייטער־
באַוועגונג אין פראַנקרייך, וואָס איז ער־
שינען אין דער „פאָלקסצייטונג“, אַ
טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג פון
וואַרשא:

פון דער פראַנצויזישער אַרבייטער באַוועגונג.

די לינקע מינדערהייט אין צענטראַל
קאָמיטעט פון דער פראַנצויזישער פּאַר־
טיי האָט ערב דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס פון
גרענאָבל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען
דעם 8טען פעברואַר, פאַנאַנדערגעשיקט
אַ צירקולאַר צו איהרע אָנהענגער אין
דער פּאַרטיי. אונטער דעם צירקולאַר
זיינען אונטערגעשריבען: בראַקע, זשאַן
לאָנגע, לואיזע סאָמאָנאַ, זשיראָמסקי און
אַנדערע.

אין איהם ווערט אָנגעוויזען, אַז דער
פּאַרטיי דראָהעט די סכנה ביסלאַכווייז צו
פאַרגעסען וועגען קלאַסען־קאַמף און
וועגען חוב פון קאָמפּראָמיסלאָזער אָפּאָ־
זיציע לגבי דער בורזשואַזיע און דער
מלוכה, וואָס איז אַן אינסטרומענט פון
דער בורזשואַזיע.

דער צירקולאַר שטעלט זיך אָפּ אויף
די צוויי הויפּט־פראַגען, וואָס שטעהען
אויפ'ן טאָג־אָרדנונג פון גרענאָבלער קאָנ־
גרעס: אויף די קומענדיגע קאָמונאַלע
וואַהלען און אויף דער פּאַרלאַמענטאַרי־
שער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי.

די קאָמונאַלע וואַהלען האָבען אין
פראַנקרייך (ווי אויך אין בעלגיע) אַ
באַזונדערע באַדייטונג דערפאַר, ווייל
פון צוזאַמענשטעל פון די קאָמונאַלע
קערפּערשאַפטען הענגט אָפּ דער צוזאַ־
מענשטעל פון סענאַט. פאַר דער סאָ־
ציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זיך דעריבער
ווידער געשטעלט די פראַגע וועגען אַ
וואַהל־בלאָק מיט די לינקע בירגערליכע
פּאַרטייען. די אָפּאָזיציע איז געגען

אַן עזעל וואָס רעוועט

(פעליעטאָן)

פון ז. וואָהילער.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ מענש קויפט
זיך זיין וועלט אין איין שטונדע, זאָגט
דער תלמוד. מען האָט פון דעם מענ־
שען קיינמאָל ניט געהערט, קיינער האָט
פון איהם ניט געוואוסט, פּלוצלינג, אין
משך פון איין שטונדע, ווערט דער מענש
באַוואוסט, קריגט אַ נאָמען און האָט זיך
געקויפט אומשטערבליכקייט אויף ביידע
וועלטען.

זינט אונזער אַמעריקע קלייבט פּרע־
זידענטען מיט ווייס־פּרעזידענטען איז
שוין געווען אַזאַ מנהג, אַז דער פּרעזי־
דענט איז געווען דער רעדנער, דער פּרע־
זידענט פלעגט רעדען, האַלטען דרשות,
און דער ווייס־פּרעזידענט איז געווען
דער שווייגער. ניט ער האָט ערגעץ גע־
רעדט, ניט ער האָט געזאָגט דעות. עס
איז געווען אַזאַ מין פּאָליטישע פאַרשי־
קונג אויף פיר יאָהר, ווי, להבדיל, מען
פאַרשיקט אין רוסלאַנד אַ פּאָליטישען
קיין קרים אויף וואַקיישאָן...

אַז דער סדר העולם האָט זיך אָבער
איצטער געביטען, האָבען מיר איצט אַ
פּרעזידענט, וואָס איז אַ באַריהמטער
שווייגער, און אַ ווייס־פּרעזידענט, וואָס
וויל זיין אַ רעדנער, וואָס וויל זאָגען
דעות. דערצו איז ער נאָך, דער ווייס־
פּרעזידענט, אַ גענעראַל, און, ווי מען
זאָגט, יעדער אינטש אַ זעלנער. אַז ער
איז דעם ערשטען טאָג צום ערשטען מאָל
אַריינגעקומען אין סענאַט, וואו ער דאַרף
אין משך פון די נעקסטע פיר יאָהר
אַלס פאָרזיצענדער זיצען און דרימלען,
האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער איז
עם אַריינגעקומען אין אַ קאַזאַרמע פון
סאָלדאַטען — און ער האָט פּאָ סאָל־
דאַטסקי געגעבען אַ קאָמאַנדע „אַטענ־
שאַן!“ ער וויל אַז דער סענאַט זאָל
זיך פיהרען לויט זיינע באַפעהלען...

און דאָ האָט אונזער ווייס־פּרעזידענט
דאָס געמאַכט אַ ביטערען טעות. ווייל
וואָס מען זאָל אויף אונזער סענאַט ניט
זאָגען, אין איין זאַך מוז מען איהם גע־
בען קרעדיט: קיין חדר־אינגלאַך זיי־
נען די סענאַטאָרען ניט. און ניט נאָר
האָבען זיי פאַר אַ פּרעזידענט אָדער אַ
ווייס־פּרעזידענט קיין מורא ניט, נאָר,
אדרבה, דער פּרעזידענט האָט נאָר פאַר
דעם סענאַט מורא. ווייל דער סענאַט
האָט די מאַכט דעם פּרעזידענט צו „אימ־
פּישען“ און אַרונטערזעצען.

אַז מען וויל קאָן מען ווייס־פּרעזי־
דענט דאָס אין גאַנצען ניט באַשולדיגען.
מיר דאַכט זיך, אַז יעדען נאָרמאַלען
מענשען וואָלט אָנגעכאַפּט אַ שרעק ווען
ער זאָל אַ קלער געבען, אַז ער דאַרף פיר
יאָהר נאָכאַנאַנד אָפּזיצען און אויסהערען
אַ ז ו י פ י ל רעדעס. אפילו בלויז
גוטע און ערנסטע רעדעס זיינען גענוג אַ
מענשען פאַרטרייבען אין די הרי חושך —
היינט ווער שמועסט נאָך די „פיליבוס־
טערינג“ רעדעס, די רעדעס ווען אַ סע־
נאַטאָר שטעהט אַ גאַנצע מעת־לעת'ן
און רעדט פאַר דעם איינציגען צוועק —
צו דער'הרג'ענען צייט. אָט געגען די
„פיליבוסטערינג“־רעדעס האָט דאָס ווייס־
פּרעזידענט דאָס אויפגעהויבען אַ גע־
וואַלד.

און דעם אמת־זאָגענדיג, פון צער
בעלי חיים שטאַנדפּונקט מעג מען סימ־
פּאַטיזירען מיט אונזער ווייס־פּרעזידענט.
עס איז ניט קיין קלייניגקייט זיצען און
אויסהערען אַ סענאַטאָר'ס זעקס־און־דריי־
סיג־שטונדיגע רעדע מיט שטונדען־לאַנ־
גע ציטאַטען פון אַ פּאַר־פופצעהן־יאָה־
ריגער צייטונג.

אָבער, דער סענאַט זאָגט אַז ר ע־
ד ע ן איז זיין רעכט און זיין פּריווילע־
גיע. און סענאַטאָר ריעד, פון מיזורי,
האָט, ענטפערענדיג אויף דעם ווייס־
פּרעזידענט'ס געוואַלד־געשריי געגען „פי־
ליבוסטערינג“, געזאָגט, אַז מר. דאָוס איז
אַן עזעל וואָס שרייט און רעוועט...

נו, פרעג איך אייך, איז כדאי גע־
ווען דער גאַנצער טאַראַראַם צו ווערען
אַ ווייס־פּרעזידענט, אַז אַ סענאַטאָר פון
מיזורי זאָל איהם נאָך רופען אַן עזעל
וואָס רעוועט? מאָלט אייך, ווען סע־
נאַטאָר ריעד זאָל זאָגען אויף, למשל, זי־
נאָוויעוו'ן, אַז ער איז אַן עזעל וואָס רע־
וועט — וואָלט ער שוין מעהר ניט גע־
דאַרפט. ער וואָלט שוין ביז איצט גע־
ווען אין קרים, אָדער אין קאַווקאַז, אויף
וואַקיישאָן... איצט אָבער פאָהרט ער,
דער סענאַטאָר, זיך אַרום איבער מיזור־
רי, און נאָר ניט, פּונקט ווי ער וואָלט
נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז דער ווייס־
פּרעזידענט איז אַן עזעל וואָס שרייט
און רעוועט.

וואָס דער סוף וועט זיין, צי ווייס־
פּרעזידענט דאָוס מיט זיין טעמפּעראַ־
מענט וועט קאָנען אויסזיצען די פיר
יאָהר אין סענאַט און אפילו קיין הונ־
דערט סענאַטאָרען ניט דערשיסען, וועט
ערשט די צוקונפט דערווייזען. דערווייל
אָבער האָט סענאַטאָר ריעד איהם צוגע־
פּאַסט אַ נאָמען מיט וועלכען ער וועט
זיך שוין לאַנג האַלטען.

אמאלגאמייטעד באשטימט ספעציעלע עקזעקוטיווע איינצושטעלען ארדנונג אין לאקאל 5

דער דזשענעראל אפיס פון דער אמ־אלגאמייטעד האט נעכטען אנאנסירט די נעמען פון די מעמבערס פון דער ספע־ציעלער עקזעקוטיוו קאמיטע, וואס וועט איבערנעהמען די פארוואלטונג פון לא־קאל 5.

ווי באקאנט האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אמאלגאמיי־טעד סוספענדירט דעם אלטען עקזעקו־טיוו באארד פון דיזען לאקאל פאר די אומפאראנטווארטליכע שמיק און די הע־צעס, וואס דיזע פערזאנען האבען אנגע־פיהרט געגען דער ארגאניזאציע. עס איז דאמאלסט אנאנסירט געווארען, אז א ספעציעלע עקזעקוטיוו קאמיטע וועט בא־שטימט ווערען איינצושטעלען ארדנונג אין דיזען לאקאל.

דיזע ספעציעלע עקזעקוטיוו קאמיטע באשטעהט פון די פאלגענדע מעמבערס פון לאקאל 5:

סעם קופער, סעם ליוואי, ה. גודמאן, ק. דארדיק, מ. שעכטמאן, דזש. גאלד־שטיין, מאקס זיטנער, ב. בראון סעם ווי־לענסקי ס. טארטארסקי, נייטען גרעניץ, י. קרייצער, י. בערנשטיין, דזשאן אמי־טראנא, ד. זאיז, י. מאריקאף, אייב וואַ־לינסקי, אנשעל גראף, דזשאו סילווער־מאן און ה. טאפעלאף.

פרעזידענט סידני הילמאן האט ביי דיזער געלעגענהייט זיך געווענדעט צו די מעמבערס פון לאקאל 5 מיט דער פאלגענדער ערקלערונג:

„דער נאציאנאלער אפיס בעט די מיטגלידער פון לאקאל 5 מיטצואַרביי־טען מיט דיזער עקז. קאמיטע און איהר מיטהעלפען ברענגען ארדנונג אין לאקאל 5 אזוי, אז עס זאל מעגליך ווערען איינ־צושטעלען נארמאלע באדינגונגען און אנ־געהן מיט דער ארבייט אין די אינטערע־סען פון אונזערע מעמבערס אין ניו יארק.

מיר זיינען געצוואונגען געווען צו אפיינטען דיזע אפיסערס צוליב דעם ביי־טערען קאמפיין פון פארלוימדונג, וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון מאנכע אפיסערס און מיטגלידער פון לאקאל 5 געגען דער ארגאניזאציע.

„דער קאמפיין פון פאלשקייט און ליי־גען איז אנגעפיהרט געווארען נים נאר צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאן, נאר איז אויך דערגאנגען צו מענשען אויסער דער ארגאניזאציע און צו מאַ־נופעקטשורערס. דער נאציאנאלער אפיס האט קיינמאל נים געהאט וואס אויסצו־זעצען געגען עהרליכע קריטיק, ווענגען די פאליסים און דער ארבייט פון דער אר־גאניזאציאן און עס איז אלע מאל געווען פלאץ אויף אן ארגאניזאציאנס־מעסינג אופן צו דיסקוטירען און קריטיקירען די פארשידענע זייטען אין דער פיהרונג פון דער יוניאן.

„אבער די איבערגעדרעמאנטע פערזא־נען האבען געפונען פאר ראטזאם צו בא־נוצען זיך נים מיט די נעמזעליכע מעטא־דען, נאר אנשטאט דעם האבען זיי זיך באנוצט מיט אומלאיאלע טאקטיקען, וועלכע האבען געקענט דינען בלויז איין ציל: אפשוואכען און ענדליך אין גאנ־צען צושמעטערען די ארגאניזאציע. עס איז אויך אויסגעפונען געווארען דורך זי־כערע קוועלען, דאס אט דיזעלבע פער־זאנען און גרופען האבען ביי פארשידע־נע געלעגענהייטען זיך באנוצט מיט פאר־דעכטיגע מענשען כדי אנצוווארפען א שרעק אויף יענע, וועלכע האבען געוואלט האבען ארדנונג אין דער ארגאניזאציע.

„דערפאר האט דער דזשענעראל עק־זעקוטיוו באארד, אויף זיין לעצטער זי־צונג, אפגעהאלטען אין ניו יארק, זיך גע־פונען געצוואונגען צו נעהמען א שטעלונג און שאפען אט־די נייע עקז. באארד אין לאקאל 5.

„דער נאציאנאלער אפיס רופט נאך אמאל צו אלע געטריייע מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע אין לאקאל 5, זיי זא־לען צולייגען א האנט און שטיצען אין דער ארבייט פון דיזער צייטווייליגער אדמיניסטראציע.

„מיר ווארנען די מיטגלידער פון לא־קאל 5 נים צו שטערען די ארבייט פון דעם דזשוינט באארד, אדער דער דער־ווייליגער עקזעקוטיוו באארד, נים צו שטערען די ארבייט פון דער ארגאניזא־ציע. אויב אבער ווער נים איז וועט דאס טאן, וועלען מיר דאס באטראכטען אלס אן אקט פון אומלאיאליטעט. צו יעדער צייט וועלען מיר באשיצען אלע, וועלכע זיינען געטריי דער ארגאניזאציע.

„דיזער דערווייליגער עקז. באארד וועט זיין אין קראפט ביז עס וועט צו־ריק איינגעשטעלט ווערען ארדנונג אין דער פיהרונג פון לאקאל 5. דאן וועט מען ווידער קענען אויפקלערען זיך צו נארמאלע באציהונגען און אויך אפצו־האלטען עלעקשאנס פאר יעטווידע אפי־סערס פון לאקאל.

סידני הילמאן,
פרעז. אמ. קל. וו. אוו אמעריקא.

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאנישעוויטץ מצה־מעהל, מצה־פאר־פעל, קעיק־מעהל — דער עונג פסח פון מיליאנען אידען איבער דער גאנ־צער וועלט.

די ב. מאנישעוויטץ קאָ., סינסינעטי, אהייא

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לייידיס גארמענט וואָרקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35

קלאוק פרעסערס, אויפמערקזאם!

די פאלגענדע מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג אווענט, דעם 16טען מארטש

8 אזהר אבענד

אלע ניו יארקער און ברוקלינער קלאוק פרעסערס
וועלען מיטען
אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט

אלע בראנקסער פרעסערס
וועלען מיטען
אין מעקינלי סקוועער גארדען, 1258 באסטאן ראוד, בראנקס
(צווישען 168 און 169טע סט.)

אלע בראנזווילער פרעסערס
וועלען מיטען שבת אווענט, דעם 14טען מארטש,
אין דעם בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

ברידער! די מיטינגען זיינען זעהר וויכטיג, און יעדער קלאוק פרעסער ווערט אויפגעפאדערט צו קומען און אנטייל נעמען אין די פארהאנדלונגען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35.
דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויס־קליבען וועגען פארמעריי און ווי זיך אויס־צוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

נים קיינע רעפאזיטס איידער איהר בארעדט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טעסט איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St., New York City

קויפט איסשליסליך

„פאטכיא טהעע צוועטאטשני טשאַי

הייט לילי טהעע"

אייער באנק

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

פינפטע עוועניו און 21טע סטריט

פארמעגען:
$4,000,000.00
פיער מיליאן דאלאר

4% עפענט איצט אן אקאונט און קריגט
פיער פראצענט אינטערעסט

1 דאלאר
עפענט אן אקאונט

5 דאלאר
ציהט אינטערעסט

לעגט נים אפ אויף שפעטער!

איצט איז די צייט אנצו־פאנגען, ווייל דער סיזאן נעהט אן. און די סלעק וועט דאס זעהר צוניץ קומען.

געלדער אריבער־געשיקט אין אלע וועלט טהיילען שנעל, פינקטליך און ביליג!

International Union Bank
FIFTH AVENUE AND TWENTY-FIRST STREET
Member Federal Reserve System

פרעסערס פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייער ברעט־לאך צו פרעסען וועלוועט און בע־ליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צונעפעכטע ליי־ווענד אדער צונעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונ־זער פעקטארי־דאקטאר פאר אומ־געזונד צו יוזען, דען דער געדרוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופא־רעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנ־סאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מיט די קופערנע לייווענד, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינג־טאן אלס העכסט סאניטארישע ווייער ברעטלאך.

צו בעקומען ביי די

אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעס־באארד קאמפאני

123 פינפטע עוועניו ניו יארק
טעלעפאן אשלאנד 3220

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטייל סטימערס. טרוקענע טיט טים 3 גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג מעשינס — די בעסטע אין מארקעט.

וואהלען פאר באאמטע פון דעם דיוויזשאן פון דזשוינט באארד קומענדען דינסטאג

(שלוס פון זייט 1)

געקומען די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס אין דער קראוק און דרעסמאכער יוניאן, האט געזאלט זיין וואהלען פאר די באאמטע פון ביידע דיוויזשאנס אין דעם דזשאינט באארד, פון דעם דרעס דיוויזשאן אזוי גוט ווי פון דעם קראוק דיוויזשאן, און אזוי זיינען טאקע געמאכט געווארען די אראנדזשמענטס פאר די וואהלען פון א ספעציעלער קאמיטע פון דזשאינט באארד. האט זיך אבער איינגעמישט דער זאגענאנטער „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג". א פאר טעג פאר די וואהלען זיינען ערשינען ליפלעטס, אין נאמען פון דער ליג, אין וועלכע איינינע קאנדידאטען אויפ'ן באלאט פאר בעאמטע פון דעם דרעס דיוויזשאן זיינען פארליימדעט און באשמוצט געווארען. אזא קאמפיין פיהרונג איז אין דער יוניאן ניט ערלויבט, און ווען די אנגעגריפענע קאנדידאטען האבען געבראכט געגען דעם א פראטעסט צו דעם דזשאינט באארד, האט זייער פראטעסט געמוזט גענומען ווערען אין אמבאטראכט.

ווייס-פרעזידענט י. פיינבערג, דער גענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, האט זיך דאן געווענדעט צו דעם עקזעקוטיוו באארד פון די דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22, ער זאל מאכען א נעהעריגע דערקלערונג וועגען דער אנגעלעגענהייט און ווען דער עקזעקוטיוו באארד האט זיך אנטזאגט עס צו טאן, האט דער דזשאינט באארד אפגעשטעלט די וואהלען פון דעם דרעס דיוויזשאן, צו מאכען א גענויע אונטערזוכונג ווער עס איז פאראנטווארטליך פאר די שמוץ-ליפלעטס וואס זיינען ערשינען ערב דעם קאמפיין.

אבער די בעאמטע פון דעם דרעס דיוויזשאן פון דזשאינט באארד פארטרעטען ניט בלויז די מיטגלידער פון לאקאל 22, זיי פארטרעטען אויך די מיטגלידער פון דער איטאליענישער וועיסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 89, די דרעס-פרעסער פון לאקאל 35 און די דרעס קאטערס פון לאקאל 10, און עס איז אויסגעקומען, דאס פאר די זינד פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22, וואס האט ניט געוואלט מאכען א געהעריגע דערקלערונג, האבען אויך געדארפט ליידען די מיטגלידער פון די אנדערע דריי לאקאלס וואס זיינען באשעפטיגט אין די דרעס שעפער. און לאקאל 89 האט אפעלירט צו דער אינטערנעשאנאל וועגען דער אנגעלעגענהייט.

אין דעם אפיל פון לאקאל 89 ווערט געזאגט, דאס זייער לאקאל האט זיך מיט גאר ניט פארזינדיגט, און מיט'ן אפשטעלען די וואהלען פון דעם דרעס דיוויזשאן זיינען זיי אומזיסט באשטראפט געווארען. אין דער לאקאל פארלאנגט, דאס דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל זאל באלד אויפנעמען די פראגע און ארויסגעבען אן ענטשיידונג.

פרעזידענט זיגמאן האט אויפגענומען דעם אפיל פון לאקאל 89 און האט איינגערופען א מיטינג פון אלע מיטגלידער פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס געפינען זיך אין און ארום ניו יארק, און די ענטשיידונג איז, דאס די טענות פון לאקאל 89 זיינען גערעכטע און פאלגליך דארפען געמאכט ווערען וואהלען פאר בעאמטע פון דעם דרעס דיוויזשאן. אין דער ערקלערונג, וואס דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט צוגעשיקט צום דזשאינט באארד, ארדערענדיג דאס די וואהלען זאלען באלד געמאכט ווערען, ווערט צווישען אנדערעס געזאגט:

„די ניו יארקער מיטגלידער פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד האבען אפגעהאלטען א מיטינג, דעם 4טען און 5טען מארטש, אויף וועלכען עס איז גאנץ גענוי באטראכט געווארען דער אפיל פון לאקאל 89. עס זיינען פאר אונז ערשינען ברודער אנטאניני אלס פארטרעטער פון לאקאל 89 און ברודער פיש אלס פארטרעטער פון דזשאינט באארד, און זיי האבען פארגעלייגט זייערע טענות. און נאך א גאנץ גענויער באטראכטונג, איז דער באארד געקומען צו דעם פאלגענדען באשלוס:

1. דאס די טענות פון לאקאל 89, אין באצוג דעם באשלוס פון דזשאינט באארד (וועגען די וואהלען פון דעם דיוויזשאן) זיינען דורכאויס גערעכט, און דער אפיל ווערט גוטגעהייסען.

2. די מיטגלידער פון אונזער באארד האבען גענומען אין אמבאטראכט די פאקטען אין דעם אפיל פון לאקאל 89, אין באצוג דעם האנדלונג פון לאקאל 22, און מיר זיינען געקומען צום שלוס, דאס מיר זעהען ניט איין וואָרום די מעמבערשיפּ פון לאקאל 22 זאל באשטראפט ווערען מיט דעם וואס מען פארווערט איהר זיך צו באטייליגען אין די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס, צוליב דעם וואס דער עקזעקוטיוו באארד פון דעם לאקאל האט ניט ריכטיג געהאנדעלט. אויב דער עקזעקוטיוו באארד האט איבערטראטען די ביי-לאָאס פון דעם דזשאינט באארד, אדער פון אונזער אינטערנעשאנאל, אדער האט געטאן אירגענד וועלכען אנדערען ניט יוניאן אקט, — דארף דער עקזעקוטיוו באארד זיין פאראנטווארטליך פאר דער האנדלונג. ער דארף גערופען ווערען צו פאראנטווארטליכקייט, און דער דזשאינט באארד קאן פארווערען דעם עקזעקוטיוו באארד זיך צו באטייליגען אין די וואהלען. אבער די מעמבערשיפּ האט דאס פולע רעכט זיך צו באטייליגען אין די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס, ווי דאס איז פריהער באשלאסען געווארען פון דעם דזשאינט באארד.

דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט דעריבער באשלאסען אויפצופאדערען דעם דזשאינט באארד צו מאכען וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס פון דעם דיוויזשאן, און וועלכען עס זאלען זיך באטייליגען די מיטגלידער פון די אלע לאקאלס אין דער דרעס אינדוסטריע.

מיט ברידערליכען גרוס,
מאררים זיגמאן,
פרעזידענט א. ל. ג. וו. י."

נייעס פון דער פעדערייש-אן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען.

א ברענטש פון דער פעדערייש-אן אין די בראנקס.

עס ווערען איצט אויסגעארבייט פלענער צו גרינדען א שטענדיגען ברענטש פון דער פעדערייש-אן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען אין די בראנקס.

אין דער צייט, וואס די 91 אנשטאלטען פון דער פעדערייש-אן זיינען צוואָרפען איבער אלע טיילען פון שטאדט, אין דער צייט וואס בראנקס האט א גרויסע צאהל אנשטאלטען, וואס זיינען פארבונדען אין דער פעדערייש-אן, אין דער זעלבער צייט קומט די הויפט-איינקונפט פון מאנהעטען.

עס איז ביז איצט ניט געמאכט געווארען קיין אנשטרענגונג פון דער זייט פון דער פעדערייש-אן צו גרייכען די אידען פון דער בראנקס. די פעדערייש-אן גלויבט, אז די אידען פון דער בראנקס וועלען ניט לאזען פאלען די הויפט-לאסט פאר אויסהאלטען אלע איהרע אינסטיטוציעס בלויז אויף די אידען פון מאנהעטען.

די אויפגאבע פון דעם געפלאנטען ברענטש פון דער פעדערייש-אן אין דער בראנקס וועט זיין באקאנט צו מאכען די דארטיגע אידען מיט דער טעטיגקייט פון דער פעדערייש-אן.

פון 91 אנשטאלטען, וואס די פעדערייש-אן פארמאגט, געפינען זיך פילע, ווי געזאגט, אין דער בראנקס, די וויכטיגסטע פון וועלכע זיינען די מאנטעפיאָר האספיטאל, די האום פאר היברו אינפענטס, לעבאנאן האספיטאל, די פעקטארי פון דער קאמיטע וואס גיט אכטונג אויף אידישע שווינדזיכטיגע, די יאנג מען'ס היברו אסס'ן, די בראנקס האוז און אנדערע.

וואשינגטאן הייטס ארגאניזירט זיך.

אין וואשינגטאן הייטס געהט איצט אן א שטארקע טעטיגקייט צו ארגאניזירען די דארטיגע אידען פאר דער פעדערייש-אן. די רבנים פון וואשינגטאן הייטס זיינען זיך צוזאמענגעקומען און אפגעהאלטען איינינע קאנפערענצען. די גענויע פלענער וועלען אין גיכען באקאנט ווערען.

גרויסער באזוך ביי דער קונסט-אויסשטעלונג פון דער עדיוקיישאנאל אליענס

אין דער עדיוקיישאנאל עליענס קומט איצט פאר אן אויסשטעלונג, וואס שיידט זיך אין גאנצען אפ פון די אויסשטעלונגען וואס זיינען ביז איצט פארגעקומען אין דער קונסט-שול פון דער עדיוקיישאנאל עליענס.

ביז אהער האבען די לעהרער געהאט די גאנצע דעה. דאס מאל האבען די שילער געהאט צו זאגען איבער דער גאנצער אויסשטעלונג. זיי האבען זיך בלויז באנוצט מיט דעם ראט פון די לעהרער.

ביז ארום פערציג קינסטלער, זיינען פארטראטען אין דער אויסשטעלונג.

די קונסט-שולע פון דער עדיוקיישאנאל עליענס איז איינע פון די אנשטאלטען, וואס זיינען פארבונדען אין דער פעדערייש-אן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען. די שולע האט זיך ערווארבען זעהר א גוטען נאמען און מען רעכענט זיך זעהר שטארק מיט איהר.

איהר אויסשטעלונג איז אפען פון דעם 26טען פעברואר און ווערט באזוכט פון פילע מענשען. די אויסשטעלונג וועט זיך שליסען דעם 14טען מערץ מיט א קאסטיום באל, וואס די סטודענטען ארגאניזירען.

דער דירעקטאר פון דער שול איז דער באקאנטער מאהלער אבא אסטראווסקי.

קלאוק אפּערייטארס

די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 2 האט באשלאסען, אז קיין אָווערטיים זאל ניט ערלויבט ווערען אין די שעפּער, וואו עס איז דא ארבייט און עס זיינען דא ניט קיין באזעצטע מאשינען.

דיזער באשלוס איז פאר אלע שעפּער אהן אויסנאמע.

דיזער באשלוס איז אויך גילטיג פאר די שעפּער, וואו מ'ארבייט אונטער א טיים גאראנטי.

אפּערייטארס, וועלכע וועלען ניט אויספאלגען דעם באשלוס וועלען שטרענג באשטראפט ווערען.

שאפּ-טשערלייט, איהר וועט געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך.

אפּערייטארס טארען ניט ארבייטען קיין אָווערטיים, סיידען זיי האבען א געשריבענע ערלויבניש פון אפּיס פון לאקאל 2.

מיט גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 2,
א. ל. ג. וו. י.

דער
ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
ברענטשעס — 740

דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

Dr. Maurice Perlstein
פיזישען און סורדזשען
1310 Morris Ave., Bronx, N. Y.
Tel. Bingham 9315

וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס
302 BROADWAY, NEW YORK
Telephone: Worth 5623-5626

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VII No. 12. New York, Friday, March 20, 1925. פרייטאג, 20טען מארטש, 1925. PRICE 3 CENTS

דרעסמאכער פון יוניאן שעפער צוריק ביי דער ארבייט

סטאפעדזש אין דרעס טרייד האט זיך געענדיגט מאנטאג אין דער פריה.

דער סכסוך אין דער אינדוסטריע, וואס האט פאראורזאכט א סטאפעדזש, איז געסעטעלט געווארען לעצטען שבת ביי טאג, אויף א קאנפערענץ צווישען פארשטעהער פון דער יוניאן און פון די בעלי־בתים און מאנטאג פארמיטאג האט מען ווידער אנגעפאנגען ארבייטען אין די יוניאן שעפער.

מאנטאג אין דער פריה איז אין וועבסטער האל אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון די שאפ טשערליים, און וויים־פרעזידענט פיינבערג, וויים־פרעזידענט ה. וואנדער און י. האראוויטש האבען ערקלערט פאר זיי דעם סעטעלמענט. און ערשט נאכדעם זיינען זיי אוועק אין די שעפער און געהייסען די ארבייטער זיך נעמען צו דער ארבייט. די דרעסמאכער זיינען נאך אלץ געזעסען אין שאפ, אבער מען האט ניט געארבייט, — מען האט געווארט אויף דעם באפעהל פון דער יוניאן, ענטוועדער אנצופאנגען ארבייטען אדער פארלאזען די שעפער און זיך פארקלייבען אין סטרייק האלס. אבער דער באפעהל איז געקומען דורך די טשערליים אנצופאנגען ארבייטען און די מאשינען האבען זיך ווידער גענומען דרעהען. דער סטאפעדזש האט אנגעהאלטען א קנאפע וואך. עס האט זיך אנגעפאנגען דינסטאג אין דער פריה, דעם 10טען מערץ און האט זיך געענדיגט מאנטאג אין דער פריה, דעם 15טען מערץ.

דער רעזולטאט פון דעם סטאפעדזש איז, דאס עס איז אריינגעבראכט געווארע אין דער דרעס אינדוסטריע מעהר קלארקייט אין באצוג צו סקעדזשולס, פרייזען און די אגרימענטס אין טרייד וועלען ארבייטען בעסער ווי פריהער. ביי דעם סעטלמענט איז פארשטאנען

(שלוס אויף זייט 16).

דזשאינט באארד ערוועהלט א טשערמאן און ערשטען וויים־טשערמאן

א רייהע רעקאמענדאציעס פון גענעראל מענעדזשער י. פיינבערג אנגענומען.

דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן לעצטען פרייטאג אוונט איז געווען זעהר א לעבעדיגער. עס איז געווען אויף'ן טאגעס־ארדנונג איינינע גאנץ וויכטיגע פראגען, און דאס האט צוגעגעבען דעם מיטינג א באזונדער אינטערעס און וויכטיגקייט.

ערשטענס, האט געדארפט ערוועהלט ווערען א טשערמאן, און דאס איז דער העכסטער עהרען־אמט אין דער קערפערשאפט.

דער טשערמאן פון דעם באארד איז פריהער געווען ברודער נאכלין, פון לאקאל 2. ברודער נאכלין איז אבער מעהר ניט קיין דזשאינט באארד דעלעגאט.

לעצטען פרייטאג זיינען געמאכט געווארען וואהלען פאר א טשערמאן, און ברודער אנסעל, פון לאקאל 10, דער פריהערדיגער ערשטער וויים־טשערמאן, איז ערוועהלט געווארען צו דעם אמט.

מען האט דאן געדארפט מאכען וואהלען פאר אן ערשטען וויים־טשערמאן, און ברודער ווייסמאן פון לאקאל 35, דער פריהערדיגער „אינער־וואכע", איז ערוועהלט געווארען.

אלס „אינערוואכע" איז דאן ערוועהלט געווארען ברודער וויינשטיין, פון לאקאל 23.

ברודער י. פיינבערג, דער גענעראל מענעדזשער פון דער קערפערשאפט, האט פארגעבראכט א גאנצע רייהע רעקאמענדאציעס אין באצוג די איינשטעלונג פון

(שלוס אויף זייט 16).

טאראנטא קלאוק מארקעט שטעלט אן אומפארטייאישען טשערמאן

א דזשאדזש פארשיקט א סטרייקערין אויף פינף טעג אין דזשייל.

פון טאראנטא, קענעדע, האבען מיר באקומען צוויי וויכטיגע נייעסען: ערשטענס, די יוניאן און די קלאוק מאנופעקטשורערס אסס'ן האבען זיך געאייניגט אויף דעם אומפארטייאישען טשערמאן פאר יענעם קלאוק מארקעט. פאר דעם אמט איז באשטימט געווארען פראפעסאר י. וו. מאקמילאן, דער טשערמאן פון דעם מינימום וויידזש באארד פון דער אנטאריער פראווינץ. לאמיר האפען, דאס עס וועט זיך ארויסווייזען, אז ער וועט זיין דער ריכטיגער מאן אויף'ן ריכטיגען פלאץ.

די צווייטע נייעס איז, דאס א געוויסער דזשאדזש קאוטסווארטה האט פארשיקט אין דזשייל א סטרייקערין פאר פינף טאג, דערפאר וואס זי האט גערופען סקעבס געוויסע סטרייק־ברעכער. די פארשיקטע איז שוועסטער עליזאבעטה סטאק.

דער לאיער פון דער יוניאן האט פארלאנגט דער דזשאדזש זאל אומבייטען דעם אורטייל פאר א געלד־שטראף, אדער ער זאל לאזען אפעלירען די קייס, און די סטרייקערין זאל דערוויילע ארויסגעלאזט ווערען אויף בייל, אבער דער דאזיגער דזשאדזש האט מיט כעס עס צוריקגעוויזען, ערקלערענדיג, דאס ער „מוז געבען די סטרייקער א לעסאן".

דאס וועט, נאטירליך, ניט אפשרעקען דאס ביסעל סטרייקער, וואס זיינען נאך דארט געבליבען, און זיי וועלען פארטזעצען דעם קאמף ווי לאנג דאס וועט זיין נויטיג.

אונטערהאלטונג פון סטודענטען און לעהרער שבת אווענט, דעם 28טען מארטש

עס איז פארבליבען נאך איין וואך צו דער אונטערהאלטונג פון די סטודענטען און לעהרער פון די אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס און פון ארבייטער אוניווערזיטעט. די אונטערהאלטונג איז פאר די געוועזענע סטודענטען אזוי גוט ווי פאר די איצטיגע. דאס וועט פארקומען אין דער דיינינג רום פון די וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פליים און 16טען סטריט, איבערמארגען שבת, דעם 28טען מארטש.

א חוץ די סטודענטען און די לעהרער מיט זייערע פריינט, וועלען ביי דער געלעגענהייט זיך אויך צונויפקומען די אקטיווע מעמבערס פון אונזערע לאקאל יוניאנס, די בעאמטע פון דער יוניאן און אלע פריינד פון דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט אין אונזער יוניאן.

די ארנזשמענטס קאמיטע האט באזארגט געשמאקע רעפרעשמענטס, און האט אויך פארבערייטעט אן אינטערעסאנטען מוזיקאלישען פראגראם. באוואוסטע ארטיסטען וועלען זיך באטייליגען. דער אווענט וועט זיך פארענדיגען מיט טאנצען.

די אונטערהאלטונג ווערט ארראנזשירט פון דעם סטודענטען־קאונסיל און קיין שום מיה ווערט ניט געשפארט צו מאכען דעם אווענט אזוי אינטערעסאנט און אנגענעהם ווי נאר מעגליך.

צו דעקען כאטש א קליינעם טייל פון די אויסגאבען, ווערט גערעכענט 35 סענט פאר א טיקעט, צו באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

צו די סטודענטען זיינען אויסגעשיקט געווארען טיקעטס דורך די פאסט, צוויי טיקעטס צו יעדען, און זיי זיינען געבעטען צו באצאהלען פאר זיי בעפאר מיטוואך, דעם 25טען מארטש, פערזענליך אדער דורך די פאסט. און די וואס ווילען נאך טיקעטס דארפען זיך גלייך מלעדען. דאס וועט פיל מיטהעלפען, אז אלץ זאל זיין ווי עס באדארף צו זיין.

פילאדעלפיער דרעס און וויסטמאכער יוניאן געשטארקט און געקרעפטיגט

סעקרעטאר בארא אדרעסירט א גרויסען דזשענעראל־מעמבער מיטינג פון לאקאל 50. — וויים־פרעזידענט רייזבערג גיט אפ אן אינטערעסאנטען באריכט פון דער יוניאנ'ס טעטיגקייט אין דער לעצטער צייט. — די יוניאן גרייט זיך צו פייערען א 10־יאהריגען יובילעאום.

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", ווערט אנגעפירט אין פילאדעלפיא אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין צווישען די וויסט און דרעס־מאכער. דער קאמפיין ווערט אנגעפירט אויף א רוהיגען און געלאסענעם אופן, אונטער דער פירערשאפט פונ'ם וויים־פרעזידענט, ה. רייזבערג, און אין דער לעצטער צייט איז די יוניאן געשטארקט און געקרעפטיגט געווארען.

לעצטען דאנערשטאג אוונד האט די יוניאן אפגעהאלטען א דזשענעראל מעמבער־מיטינג, און סעקרעטאר בארא איז ארויסגערופען געווארען צו אדרעסירען די פארזאמלונג. דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט, און סעקרעטאר בארא האט געבראכט א גוטען גרוס צו דעם צושטאנד פון דער יוניאן אין אלגעמיין.

דער קאמפיין ווערט אנגעפירט צו ארגאניזירען דעם גאנצען וויסט און דרעסמאכער טרייד, און די יוניאן האט אין די לעצטע פינף מאנאטען געמאכט א באדייטענדען פראגרעס.

וויים־פרעזידענט רייזבערג האט באריכטעט, דאס די גרויסע פרייוויליגע ארגאניזאציאנס־קאמיטע, וואס דער לאקאל האט געשאפען, ארבייט גאנץ פלייסיג און האט א סך אויפגעטאן. ארום 25 ניט־יוניאן שעפער זיינען ארגאניזירט געווארען, און די יוניאן האט צוגעקראגען א פאר הונדערט נייע מיטגלידער. די קאנטראלירענדע ווירקונג פון דער יוניאן אין דער אינדוסטריע האט זיך פיל געשטארקט און עס פילט זיך, דאס עס וועט ניט נעמען לאנג, און די גאנצע דרעס־אינדוסטריע פון פילאדעלפיא וועט זיין פולשטענדיג יוניאניזירט.

וויים־פרעזידענט רייזבערג האט פארגעלייגט פאר דעם מיטינג די פאליסי פון דער יוניאן, ווי אזוי די ארגאניזאציאנס־ארבייט זאל ווייטער אנגעפירט ווערען. דער פלאן איז, דאס די יוניאן זאל ווייטער טאן אלץ, וואס איז מעגליך, דעם טרייד

(שלוס אויף זייט 5).

וואהל פאר סעקרעטער־מענעדזשער פון לאקאל 2 — דעם שבת

וויים־פרעזידענט פערלשטיין ווערט באדאנקט פאר זיין ארבייט אין דעם לאקאל אלס צייטווייליגער מענעדזשער.

היינטיגען שבת, דעם 21טען מערץ, וועט פארקומען וואהל פאר סעקרעטער־מענעדזשער פון די קלאוק און ריפער אפרייטארס יוניאן, לאקאל 2.

אויפ'ן באלאט איז דא בלויז איין קאנדידאט, דזש. בארוכאוויטש, דער איצטיגער טשערמאן פון דעם לאקאל. די וועהלער וועלען דאריבער קאנען שטימען „דאפיר און דאגעגען", ווי דאס ווערט געזאגט אין דער אנאנסע פון דעם לאקאל, אויף א צווייטען ארט אין דער צייטונג.

שטימען וועט מען אין דריי פולינג פלעצער, ווי פאלגט:

אין ברייענט האל, 725 6טע עוועניו.

אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סט.

אין ברוקלין לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט., בראנזוויל.

מען וועט קאנען שטימען פון 10 אזייגער אין דערפריה ביז 6 פארנאכט. שטימען וועלען קאנען נור די מעמבערס פון דעם לאקאל, וואס האבען ברוינע און בלויע מעמבערשיפ קארדס, דאס מיינט,

(שלוס אויף זייט 16).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 12.

זייט 2. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — יוסף פיש.
זייט 3. מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 22 — דזשוליוס פארטנאי. אויף'ן מיטינג פון די געווערקשאפטען — מ. פיינסטאן.
זייט 4. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. מרדכי ספעקטאר געשטארבען.
זייט 5. אן אפענער בריף פון ר. אבראמאוויטש. פארשיידענעס.
זייט 6. פערלשטיינ'ס באריכט צו די מעמבערס פון לאקאל 2.
זייט 7. פייער! (ערצעהלונג) — ל. רודאלף.
זייט 8. עדיטאריעלע נאטיצען.
זייט 9. וואס פאר א סארט מענש איז נאפאלעאן געווען? — בענדזשאמין שטאלבערג.
זייט 10. דער קאמף געגען פרייזען ארבייט — דר. הערמאן פראנק. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. אומפאראנטווארטליכקייט אין ערנסטען זאכען — ל. פינקעלשטיין. אלץ פארגעסען — י. ארקער.
זייט 12. א רעכט וואס דארף זיין א פליכט — ב. מיכאלעוויטש. פארקויפט זיין פלאץ אין גן־עדן — דער לעבעדיגער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. פארשיידענעס און אדווערטייזמענטס.
זייט 15. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1.

גענעראל סטרייק ביי ווהייט גודס און טשילדרענס דרעסעס פארענדיגט

די קאטען גארמענטס מאנופעקטשורערס אסס'ן סעטעלט מיט דער יוניאן. — לאקאל 62 געווינט א פולשטענדיגען יוניאן שאפ און געוויסע פארבעסערונגען אין די ארבייטס-באדינגונגען. — 90 פראצענט פון די טשילדרענס דרעס סטרייקער שוין צוריק ביי דער ארבייט אין געסעטעלטע שעפער. — איניגע שעפער פון ביידע פאכען זיינען נאך אין סטרייק.

ווען מיר זיינען געגאנגען צום דרוק מיט דער „גערעכטיגקייט" פון לעצטער וואך, פאריגען מיטוואך, איז די ווהייט גודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62 נאך געווען אין קאנפערענץ מיט דער „קאטען גארמענטס מאנופעקטשורערס אסס'ן", און אויף יענעם קאנפערענץ זיינען ביידע צדדים געקומען צו א סעטעלמענט. און דאס האט פאקטיש פארענדיגט דעם גענעראל סטרייק פון די ווהייט גודס ווארקערס פון לאקאל 62, וואס זיינען ארונטער אין סטרייק צוזאמען מיט די טשילדרענס דרעסמאכער פון לאקאל 91. דער סטרייק איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דיסטריקט קאונסיל, אונטער דער פיהרערשאפט פון וויים-פרעזידענט ס. לעפקאוויטש.

דאסזעלבע איז שוין אזוי גוט ווי אין גאנצען געסעטעלט דער גענעראל סטרייק פון די טשילדרענס דרעסמאכער, לאקאל 91. ארום 90 פראצענט פון די סטרייקער זיינען שוין צוריק ביי דער ארבייט, אין געסעטעלטע שעפער. אין סטרייק זיינען נאך בלויז א קליינע צאהל שעפער פון ביידע פאכען, דאס רוב שעפער פון אינדעפענדענט מאנופעקטשורער.

די ווהייט גודס ווארקערס יוניאן איז געווען פארטראטען אויף'ן קאנפערענץ דורך פרעזידענט זיגמאן; וויים-פרעזידענט ס. לעפקאוויטש; וויים-פרעזידענט דייוויד דובינסקי, דער מענעדזשער פון די קאטערס יוניאן לאקאל 10; אב. סניידער, מענעדזשער פון לאקאל 62; בערינגאף, ביזנעס-אייגענט פון לאקאל 62; ס. שעהנקער, ביזנעס-אייגענט פון די קאטערס יוניאן לאקאל 10, און א קאמיטע פון עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער פון לאקאל 62.

די „קאטען גארמענטס מאנופעקטשורערס" איז געווען פארטראטען דורך איהר פרעזידענט, מר. ה. ראזענבערג; מר. הערמאן מייסאן, דער מענעדזשער און הערי גארדאן, דער לאיער פון דער אסס'ן.

די סטרייקער האבען געוואונען די פאלגענדע פונקטען:

1. א סטריקט יוניאן שאפ. דאס איז צים ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון די סעטעלמענטס אין דעם טרייד, וואס די באלעבאטים האבען נאכגעגעבען דעם פונקט.

2. עס איז געשאפען געווארען א קאמיטע פון דער יוניאן און פון די מאנופעקטשורערס אסס'ן, אויף אויסצוארבייטען מינימום וויידזש-סקיילס פאר די ארבייטער פון אלע צווייגען אין דעם פאך. די קאמיטע זאל זיך נעהמען צו דער ארבייט דרייסיג טעג נאכ'ן סעטעלמענט.

3. נאך דרייסיג טאג נאטיס קאן יעדער צד איינרופען א קאנפערענץ צו מאדיפיצירען די וויידזש-סקיילס.

4. קיין ארבייט טאר ניט ארויסגעשיקט ווערען אוטסייד, איידער די אינסייד ארבייטער האבען גענוג ארבייט.

5. קאטערס באקומען גלייך א העכערונג פון דריי דאלאר א וואך. אלע אנדערע וואך-ארבייטער באקומען א העכערונג פון איין דאלאר א וואך. שטיק-ארבייטער באקומען א העכערונג פון פינף פראצענט.

6. אלע מאנופעקטשורערס פארפליכטען זיך צו געברויכען יוניאן-מייד עמבראידערי און טרימינגס מיט'ן יוניאן לייבעל.

דאס זיינען בלויז איינציגע פונקטען פון דעם באגייטען אגרימענט, וועלכער איז שוין אונטערגעשריבען געווארען פון ביידע צדדים.

די סטרייקער פון די עטליכע שעפער אין טשילדרענס דרעס טרייד, וואס זיינען נאך ניט געסעטעלט, געפינען זיך אין דער „רענד סקוהל האל", און זיינען אונטער דער אויפזיכט פון ברודער ה. גרינבערג, דער מענעדזשער פון לאקאל 91, און די סטרייק-קאמיטע פון דעם לאקאל. די סטרייקער פון די עטליכע איבערגעבליבענע שעפער האלטען זיך בראוו און מוטיג. זיי וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צו דער ארבייט, סיידען אויב זייערע באלעבאטים וועלען נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער און וועלען אונטערשרייבען דעם יוניאן-אגרימענט.

וואהלען פאר סעקרעטער-מענעדזשער פון לאקאל 22

(שלוס פון זייט 1.)

גרופע מעמבערס פון געוועזענעם לאקאל 17, האבען געשטערט די צוזאמענשטעלונג פון אלע קלאוק און דיפער אפערייטארס אין איין לאקאל יוניאן. אבער יענע שטערונג איז שוין מעהר ניטא.

עס איז די מיינונג פון דער ספעציעלער קאמיטע, וואס איז ערוויילט געווארען פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד צו האבען אויפזיכט איבער'ן לאקאל, דאס איצטער, נאכדעם ווי דער עקזעקוטיוו באארד פון אייער לאקאל איז שוין אינסטאלירט געווארען, זאלט איהר מאכען וואהלען פאר א סעקרעטער-מענעדזשער פון אייער לאקאל.

איך וויל אבער ציהען אייער אויפמערקזאמקייט צו דעם פאקט, דאס זינט דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אנגענומען דעם באשלוס צוזאמענצושמעלצען די דריי לאקאלס אין לאקאל 2, איז עס אויך באשלאסען געווארען, דאס לאקאל 2 זאל בלייבען אונטער די דירעקטע פיהרערשאפט און אונטער די אויפזיכט פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד, דורך דער ספעציעלער קאמיטע, פאר א משך פון א יאהר צייט, וואס וועט זיך ענדיגען דעם 15טען אקטאבער, 1925.

מיר לאזען אייך דעריבער וויסען, דאס נאכדעם ווי אייער מענעדזשער-סעקרעטער וועט ערוויילט ווערען, וועט וויים-פרעזידענט פערלשטיין מעהר ניט זיין דער מענעדזשער פון דעם לאקאל; ער בלייבט אבער אלץ דער סופערוויזער פון דעם לאקאל, פארטרעטענדיג די ספעציעלע קאמיטע אזוי גוט ווי דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס האט די קאמיטע געשאפען.

מיט די בעסטע ווינשען פאר דעם ערפאלג פון דעם נייעם לאקאל, ברידערליך אייער,

מאריס זיגמאן,
פרעז. א. ל. ג. וו. י.

לאקאל 2 קאן, אלזא, איצטער גלייך צוטרעטען צו מאכען וואהלען פאר סעקרעטער-מענעדזשער פון לאקאל 2.

נאמינייישאנס פאר מענעדזשער דעם שבת

נעהענדיג צום דרוק מיט דער צייטונג לאזט מען אונז וויסען, דאס דעם שבת בייטאג וועט לאקאל 2 האבען א דזשענעראל מעמבער מיטינג אין מאנהעטען לייצעאום, 66 איסט 4טע סטריט, און אויף דעם מיטינג וועלען געמאכט ווערען די ערשטע און לעצטע נאמינייישאנס פאר סעקרעטער-מענעדזשער פון דעם לאקאל. די וואהלען וועלען פארקומען שבת, דעם 21טען מארטש.

וויים-פרעזידענט פערלשטיין וועט אויף דעם מיטינג אפגעבען א רעפארט פון דער טעטיגקייט פון דעם לאקאל, פאר דער צייט וואס ער איז געוועזן דער מענעדזשער.

אן אונטערהאלטונג פאר מיטגלידער פון לאק. 41

די טאקערס, פליטערס און העמסטיטשערס יוניאן, לאקאל 41, האט ארגאניזירט אן אונטערהאלטונג פאר די מיטגלידער, וואו זיי וועלען קענען פארברענגען אן אנגענעמען אווענט. דאס וועט פארקומען דעם שבת אווענט, 14טען מערץ, אין אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

דער פראגראם פון אווענט איז: דענסינג, רעפרעשמענטס און געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונג. עס וועט אויך געהאלטען ווערען א קורצע רעדע פון א פערטרעטער פון אונזער אינטערנעישאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

איינטריט איז פריי. מען דארף אבער האבען א טיקעט אריינצוגעהן. זאלען די מיטגלידער פון דעם לאקאל אריינגעהן אין דער יוניאן און זיי וועלען באקומען די נויטיגע טיקעטס, וואס זיי דארפען. עס וועט געווים זיין א גאנץ אינטערעסאנטער און אנגענעמער אווענט.

קלאוק אפערייטארס

מעמבערס פון לאקאל 2 אויפמערקזאם!

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

שבת, דעם 14טען מארטש

1 אוהר נאכמיטאג

אין מאנהעטען לייסעאום

66 איסט 4טע סטריט

וויים-פרעזידענט פערלשטיין וועט אפגעבען א באריכט, איידער ער ציהט זיך דירעקט צוריק אלס מענעדזשער פון דעם לאקאל.

אויף דעם מיטינג וועלען געמאכט ווערען ערשטע און לעצטע נאמינייישאנס פאר א מענעדזשער פון דעם לאקאל. אפערייטארס! קומט אין מאסען זיך באטייליגען אין די נאמינייישאנס.

מיט ברודער גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, קלאוק, סוט און דיפער אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2
א. ל. ג. וו. י.

נ. ב. עלעקשאן פאר א מענעדזשער וועט פארקומען שבת, דעם 21טען מארטש, 1925.

שוין ערשינען

The Women's Garment Workers

A History of the International Ladies Garment Workers Union

די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

א בוך פון איבער 6 הונדערט זייטען, גרויסער פארמאט און שעהן געבונדען

געשריבען פון

דר. לואי לעווין

פראפעסאר פון „סינדיקאליזם אין פראנקרייך" און נאך אנדערע ווערק איבער סאציאלע און עקאנאמישע פראגען.

אויב איהר ווילט האבען אן אמת'ען באגריף וועגען אונזער יוניאן און האבען א גייסטיגען פארגעניגען לעזענדיג, טו פארפעהלט ניט צו לייענען דעם בוך.

דער פרייז פון דעם בוך איז פינף דאלאר.

מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל קאנען באקומען א בוך פאר העלפט פרייז

פאר $2.50

פאר דעם פרייז קאן מען באקומען דעם בוך בלויז

אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סט., נ. י.

מאנטאג און דאנערשטאג וועט דער אפיס זיין אפען ביז 6.30 פארנאכט, כדי די מיטגלידער זאלען קאנען קריגען דעם בוך נעהענדיג פון דער ארבייט.